בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## חַג הַפֶּסַח

תשפ"א

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

| | |
|---|---|
| **היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Breslev<br>181 Huschke Road<br>Liberty NY 12747 | **היכל הקודש וויליאמסבורג**<br>Heichal Hakodesh<br>Williamsburg<br>27 Skillman Street<br>Brooklyn NY 11205<br>1-718-384-1652 |
| **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Hayes Ct.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-467-5299 | **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Premishlan Way.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-243-0563 |
| **היכל הקודש בארא פארק**<br>Heichal Hakodesh<br>Boro Park<br>1011 41 Street<br>Brooklyn NY 11219<br>1-718-384-1652 | **היכל הקודש מאנסי**<br>Heichal Hakodesh<br>Monsey<br>32 Dolson Road<br>Monsey NY 10952<br>1-347-733-7551 |

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

| | |
|---|---|
| **קול ברסלב**<br>**212-444-9191** | **חיזוק פאר די אידישע שטוב**<br>**212-444-9169** |

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

| | |
|---|---|
| **אימעיל** | **טעלעפאון מעסידזשינג** |
| chizikyomi@gmail.com | 347-630-2876 |

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

זָאל אִיךְ טוּן דֶעם שִׁידּוּךְ?..........................................א

קֶען אִיךְ נוּצְן מַעֲשֵׂר גֶעלְט צוּ פָאהְרְן קַיין אוּמַאן?............................ב

וִוי אַזוֹי נֶעם אִיךְ אַוֶועק מַיינֶע פְּחָדִים פוּן אַ קַאר?............................ג

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ טְרֶעפְן מִיט אַייךְ?........................................ד

וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס גַנְבְ'עֶט?........................................ו

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַרַיינְקוּמֶען אִין אַייעֶר יְשִׁיבָה?............................ז

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן אַזוֹי שְׁנֶעל רוֹיט?..........ט

מַיין שְׁוֶוער קוּקְט מִיר אַרָאפּ, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?................................י

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

דִי יְסוּרִים שְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן................................א

מֶען דַארְף נִישְׁט זוּכְן בַּאהַאלְטֶענֶע פְּלֶעצֶער, מֶען קֶען רֶעדְן הוֹיךְ אִין שְׁטוּבּ..................................................................................................ב

עֶס קוּמֶען אַרָאפּ נְשָׁמוֹת פוּן אוֹיבְן אוּן וֶוערְן נִפְטָר יוּנְגֶערְהֵייט ..........ג

נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן קִינְדֶער, נָאר זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן..ד

אִיךְ וֶועל נִישְׁט מַאכְן קַיין שִׁידּוּךְ אָן אַייעֶר ווִילְן ..........................ה

גָארְנִישְׁט אִיז נִישְׁט הֶעכֶער פוּן מְחַנֵךְ זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער..............ה

אִיךְ הָאבּ אַז דוּ לֶערְנְסְט נָאךְ דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן ..........................ו

קִינְדֶער מַאכְן נָאר שְׁטֶערְקֶער דִי שָׁלוֹם בַּיִת.............................ו

זַיי שְׁטָאלְץ מִיט דַיין צֶלֶם אֱלֹקִים, דַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת ...............ז

אַ טֶענֶענְט הָאט שְׁטֶענְדִיג תַּעֲנִוּת אוֹיפְ'ן לֶענְדְלָארְד ....................ח

קִינְדֶער מֵיינֶען נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס, מֶען דַארְף זֵיי נָאר אוֹיסְלֶערְנֶען
וָואס צוּ טוּן ........................................................................ט

זַיי מִתְפַּלֵל מִיט דִי קִינְדֶער מֶען זָאל קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי
אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע.....................................................................י

ווָאוּיל אִיז דִי וָואס זֶענֶען שְׁטַארְק נִזְהָר אִין נֶעגְל וַואסֶער ............ יא

לֶערְן אַבִּיסְל חוּמָשׁ יֶעדְן טָאג מִיטְ'ן תַּרְגוּם........................... יא

אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם יוֹם טוֹב דַארְף מֶען קֶענֶען דִי הֲלָכוֹת.............יב

דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה צוּ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן פְּחָדִים, אִיז חַזֶרְ'ן אֱמוּנָה יג

דִי קָאמְפְּיוּטֶערְס זָאלְן זַיין גוּט גֶעפִילְטֶערְט...............................יד

זֶע תֵּיכֶף וּמִיַד אַרוֹיף צוּ לֵייגְן פִילְטֶערְס אוֹיף דִי קָאמְפְּיוּטֶערְס ........יד

אַז אֵיינֶער הָאט גֶעטוּן עֲבֵירוֹת, אִיז נָאכְנִישְׁט יֶעדֶער עֶרְלִיכֶער אִיד אַ
מְשֻׁחָת...................................................................................... טו

דוּרְךְ אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה קֶען מֶען זֶען ווָאוּנְדֶערְלִיכֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן
תְּפִלָה, ווָאוּנְדֶערְלִיכֶע נִסִּים.....................................................יז

גֶעבּ דַיינֶע צְדָקוֹת פַאר דִי יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיר גֶעהָאלְפְן אוּן הֶעלְפְט
דִיר ...................................................................................... יט

דְרוּקְן דֶעם קוּנְטְרֵס "יֵשׁ בְּמִי לִבְחֹר" ..................................כ

גֵייט נִישְׁט צוּ דִי בְּחִירוֹת, דֶער עִיקָר אִיז דֶער מַאן אוּן וַוייבּ זָאלְן
שְׁטִימֶען..................................................................................כ

דֶער וָואס הָאט גֶעדוּלְד - דֶער אִיז גֶעבֶּענְטְשְׁט.................................כו

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## זָאל אִיךְ טוּן דֶעם שִׁידוּךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן אִיבֶּער צְוָואנְצִיג יָאר, מֶען הָאט מִיר אָנְגֶעטְרָאגְן יֶעצְט אַ פֵּיינֶע מֵיידְל פוּן אַ גוּטֶע שְׁטוּב, אָבֶּער זִי אִיז אַבִּיסְל פֶּעש אוּן אִיךְ בִּין מֶער צוּ דִי דַארֶע זַייט.

מַיין מַאמֶע פְרֶעגְט מִיר וָואס אִיךְ זָאג דֶערְצוּ אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן, אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר זָאגְן וָואס צוּ טוּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וֶוען עֶס קוּמְט צוּ אַ שִׁידוּךְ דַארְף מֶען בְּעִיקָר קוּקְן אוֹיף דִי גֶעזוּנְט אוּן אוֹיף דִי מִידוֹת, דָאס אִיז דֶער עִיקָר; מֶען זָאל זַיין אַ יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן הָאבְּן גוּטֶע מִידוֹת, אוֹיךְ דַארְף מֶען זִיךְ טְרֶעפְן אוּן זֶען אוֹיבּ עֶס אִיז דָא חֵן אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן.**

**זָאג דַיינֶע עֶלְטֶערְן זֵיי זָאלְן זִיךְ נָאכְפְרֶעגְן אוֹיף דִי גֶעזוּנְט אוּן אוֹיף אִירֶע מִידוֹת, אוֹיבּ זָאגְן זֵיי אַז מֶען הֶערְט גוּטֶע גְרִיסְן זָאלְסְטוּ וַוייטֶער גֵיין מִיטְ'ן**

שִׁידוּךְ.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוּנְז (יְבָמוֹת סג.): "נְחִית דַּרְגָּא", גֵיי אַרָאפּ פוּן דַיין דַּרְגָּא, "נְסֹב אִיתְּתָא", כְּדֵי דוּ זָאלְסְט קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְּן; מֶען דַארְף חֲתוּנָה הָאבְּן לְשֵׁם שָׁמַיִם, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קֶען אִיךְ נוּצְן מַעֲשֵׂר גֶעלְט צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן מִיט מַיין וַוייבּ אִינְמִיטְן דִי יָאר, הָאבּ אִיךְ גֶעווָאלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ קֶען נוּצְן גֶעלְט פוּן מַעֲשֵׂר אוֹיסְצוּצָאלְן דִי גַאנְצֶע נְסִיעָה, אוּן אוֹיבּ יָא, אוֹיבּ מֶען קֶען דָאס טוּן לְכַתְּחִלָּה.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ג' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען קֶען נֶעמֶען גֶעלְט פוּן מַעֲשֵׂר צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן; דָאס אִיז לְכַתְּחִילָה שֶׁבִּלְכַתְּחִלָּה.

נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ ווִי צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן; דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה וָואס מֶען קֶען טוּן פַאר זִיךְ, פַאר דִי נְשָׁמָה - עֶס זָאל וֶוערְן מְתוּקָן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען צָאלְן מִיט מַעֲשֵׂר גֶעלְט פַאר דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער זֵיי זָאלְן קֶענֶען קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן; דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ וָואס מֶען קֶען טוּן פַאר דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

אָבֶער צוּ בַּאצָאלְן פַּאר אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן אַ וֶועג קַיין אוּמַאן - דָאס נִישְׁט, נִישְׁטָא קַיין שׁוּם עִנְיָן אִין דֶעם; דָאס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין מִצְוָה. עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען נֶעמֶען דִי גֶעלְט פוּן מַעֲשֵׂר אוּן גֶעבְּן פַאר אָרִימֶעלַייט זֵיי זָאלְן הָאבְּן וָואס צוּ עֶסְן, זֵיי אוּן זֵייעֶר מִשְׁפָּחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי נֶעם אִיךְ אַוֶועק מַיינֶע פְּחָדִים פוּן אַ קַאר?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וֶוען עֶס קוּמְט מִיר אוֹיס צוּ פָּארְן מִיט אַ קַאר, הָאבּ אִיךְ גֶעפֶערְלִיכֶע פְּחָדִים. מַיין מַאן דְרֵייוְוט בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר גוּט, אָבֶער אִיךְ בִּין נִישְׁט רוּאִיג, אִיךְ הָאבּ אַזוֹי שְׁטַארְק מוֹרָא יֶעדֶע מִינוּט אַז מֶען גֵייט קְרַאכְן.

דִי פְּחָדִים וֶוערְן נָאר עֶרְגֶער אוּן עֶרְגֶער, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ג' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת דֶּרֶךְ, סִימָן ח): "כְּשֶׁתֵּלֵךְ בַּדֶּרֶךְ, תִּתֵּן קֹדֶם לִצְדָקָה", פַּאר דוּ גֵייסְט אִין וֶועג זָאלְסְטוּ גֶעבְּן צְדָקָה; נָאךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (שָׁם אוֹת פַּחַד, סִימָן ה): "בִּצְדָקָה תְּבַטֵּל אֶת הַפַּחַד", מִיט צְדָקָה וֶועסְטוּ אַוֶועק נֶעמֶען דִי פְּחָדִים.

לֵייגְט אִין קַאר אַ צְדָקָה פּוּשְׁקֶע. יֶעדֶעס מָאל מֶען זֶעצְט זִיךְ אַרַיין אִין קַאר, מֶען ווִיל פָּארְן; אֵיידֶער מֶען פָּארְט אַרוֹיס זָאלְט אִיר לֵייגְן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה אוּן זָאגְן תְּפִלַּת הַדֶּרֶךְ. אוֹיךְ זָאלְט אִיר בֶּעטְן אִין אִידִישׁ: "הֵיילִיגֶער

**בַּאשֶׁעפֶער הִיט אוּנְז מִיר זָאלְן אָנְקוּמֶען גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, בְּשָׁלוֹם״.**

**ווִיסְן זָאלְט אִיר אַז פְּחָדִים קוּמֶען וֶוען מֶען אִיז מְזַלְזֵל אִין בְּרָכוֹת, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן יד): ״מִי שֶׁאֵינוֹ נִזְהָר בְּבִרְכַּת הַנֶּהֱנִין תְּחִלָּה וָסוֹף, פְּחָדִים בָּאִים עָלָיו״, וֶוער עֶס מַאכְט נִישְׁט קַיין פָּאר בְּרָכוֹת אוּן נָאךְ בְּרָכוֹת - וֶועט הָאבְּן פְּחָדִים.**

**דֶערִיבֶּער זַייט מַקְפִּיד אוֹיף בְּרָכוֹת - וֶועלְן אַוֶועקְגֵיין אַלֶע פְּחָדִים.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

## ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ טְרֶעפְן מִיט אַייךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיר קֶענְט מִיךְ נִישְׁט, אָבֶּער אִיךְ בִּין אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ. אִיךְ וואוֹין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן בְּעֶרֶךְ פַּאר צְווֵיי יָאר צוּרִיק הָאבּ אִיךְ אַנְטְפְּלֶעקְט דִי לִיכְטִיגְקֵייט וֶוען אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְצוּהֶערְן דִי שִׁיעוּרִים, זַייט דֶעמָאלְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם הָאט זִיךְ מַיין לֶעבְּן גֶעטוֹישְׁט, צוּבִּיסְלֶעךְ אוּן זִיכֶער. מַיין רוּחָנִיּוּת, גַּשְׁמִיּוּת, שָׁלוֹם בַּיִת, חִינוּךְ הַיְלָדִים, וְכוּ'. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אוֹיךְ בַּיי מַיין וַוייבּ. אִיר זָאלְט בִּיטֶע קֵיינְמָאל נִישְׁט מִיד וֶוערְן פוּן אִיבֶּערְ'חַזְרְ'ן דִי דְרָשׁוֹת נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל. אִיר שֶׁענְקְט לֶעבְּן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין אִין דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

אִיךְ וָואלְט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט זִיךְ טְרֶעפְן מִיט אַייךְ רֶעדְן אַפָּאר וֶוערְטֶער. אִיךְ פְּלַאן אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם צוּ זַיין אוֹיף פֶּסַח בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן אִין נְיוּ יָארְק. וָואלְט אֶפְשָׁר גֶעוֶוען מֶעגְלִיךְ זִיךְ צוּ טְרֶעפְן מִיט אַייךְ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, ג׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

איךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר הָאט חַיּוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; זַייט אִיר הָאט גֶעפוּנֶען דֶעם אוֹצָר, דֶעם רֶבִּי'ן - הָאט אִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶעבְּן אַ נֵייעֶ לֶעבְּן.

מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין וָואס מֶען בַּאקוּמְט פוּן רֶבִּי'ן; דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט: "כִּי אֲנִי יָדַעְתִּי כִּי גָדוֹל ה', וַאֲדוֹנֵינוּ מִכָּל אֱלֹקִים", אִיךְ וֵוייס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גְרוֹיס, עֶר אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלְצְדִינְג (תְּהִלִּים קלה, ה), פְרֶעגְט דֶער רֶבִּי: "וָואס אִיז דָאס כִּי אֲנִי - אִיךְ וֵוייס, זָאל שְׁטֵיין: 'כִּי גָדוֹל ה'' דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גְרוֹיס?!" זָאגְט דֶער רֶבִּי: "כִּי גְּדֻלַּת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ אִי אֶפְשָׁר לוֹמַר לַחֲבֵרוֹ, וַאֲפִילּוּ לְעַצְמוֹ אִי אֶפְשָׁר לְסַפֵּר מִיּוֹם לְיוֹם, לְפִי מַה שֶּׁמַּזְרִיחַ לוֹ וּמִתְנוֹצֵץ לוֹ בְּאוֹתוֹ הַיּוֹם - אֵינוֹ יָכוֹל לְסַפֵּר לְעַצְמוֹ לְיוֹם שֵׁנִי הַזְּרִיחָה וְהַהִתְנוֹצְצוּת שֶׁל גְּדֻלָּתוֹ יִתְבָּרַךְ שֶׁהָיָה לוֹ אֶתְמוֹל", מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין פַאר אַ צְוֵוייטְן וִוי אַזוֹי מֶען שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; נִישְׁט נָאר פַאר אַ צְוֵוייטְן קֶען מֶען דָאס נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין נָאר אֲפִילּוּ פַאר זִיךְ אַלֵיינְס קֶען מֶען אוֹיךְ נִישְׁט דֶערְצֵיילְן אוּן גֶעדֶענְקֶען וִוי אַזוֹי מֶען הָאט נֶעכְטְן גֶעשְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְפַאר זָאגְט דָוִד הַמֶּלֶךְ: "כִּי 'אֲנִי' יָדַעְתִּי כִּי גָדוֹל ה'", אִיךְ וֵוייס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גְרוֹיס, "אֲנִי יָדַעְתִּי דַיְקָא", אִיךְ פַאר מִיר וֵוייס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גְרוֹיס, עֶר פִירְט דִי וֶועלְט אוּן עֶר הֶערְט מִיר אוֹיס וֶוען אִיךְ רֶעד צוּ אִים.

דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט דָארְט אַרָאפּ וָואס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, קג:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (מִשְׁלֵי לא, כג): "נוֹדָע בַּשְּׁעָרִים בַּעְלָהּ" - "כָּל חַד, לְפוּם מַה דִּמְשַׁעֵר בְּלִבֵּהּ", יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זַיין וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי זִיךְ אִין הַארְץ (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן א).

פֶּסַח וֶועל אִיךְ זַיין אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, אִינֶעם בְּרֶסְלֶב'ן שְׁטֶעטְל; עֶס וֶועט זַיין שִׁיעוּרִים אִינְדֶערְפְרִי אוּן בַּיינַאכְט, אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אַייךְ צוּ טְרֶעפְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָאס טוט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס גַנְבְ'עֶט ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעהֶערְט שִׁיעוּרִים פוּן אַייךְ אִיבֶּער חִינוּךְ, און דֶערְפַאר וֶועְנְד אִיךְ זִיךְ יֶעצְט צוּ אַייךְ מִיט מַיין שְׁאֵלָה.

מַיין עֶלְף יֶערִיג אִינְגְל אִיז הַיינְט צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר אוּן מִיר אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט אִין דִי לֶעצְטֶע צְוֵויי יָאר גֶענוּמֶען גֶעלְט פוּן אוּנְזֶער לֶעדְל אוֹיף צוּ קוֹיפְן נַאשֶׁערַייעֶן אוּן שְׁפִּילְצֵייג, אוּן עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט עֶס מֶער נִישְׁט טוּן.

אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז זֵייעֶר שֵׁיין פוּן אִים אַז עֶר זָאגְט דֶעם אֱמֶת אוּן עֶר הָאט חֲרָטָה אוֹיף וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, עֶר בֶּעט אִיבֶּער אוּן נֶעמְט זִיךְ פָאר עֶס מֶער נִישְׁט צוּ טוּן. דֶערְנָאךְ הָאבּ אִיךְ אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר הָאט גֶענוּמֶען אוֹיךְ פוּן אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער, הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט אַז יָא, אוֹיךְ פוּן זֵיידִי אוּן אוֹיךְ הָאט עֶר גֶענוּמֶען נַאשֶׁערַייעֶן אִין גֶעשֶׁעפְט.

עֶר אִיז אַ קִינְד וָואס עֶס פֶעלְט אִים בָּרוּךְ הַשֵּׁם גָארְנִישְׁט, עֶר הָאט אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף אוּן נָאךְ פִיל מֶער, אוּן אוֹיךְ אַסַאךְ נַאשֶׁערַייעֶן. דִי שְׁאֵלָה אִיז וָואס מֶען טוּט יֶעצְט וַוייטֶער, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ וִויסְן אוֹיבּ דָאס אִיז בְּלוֹיז אַ קִינְדֶערִישֶׁע דוּרְכְגַאנְג, אָדֶער אַ מַחֲלָה חַס וְשָׁלוֹם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, ג' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז דָא פֶעלֶער בַּיי קִינְדֶער וָואס זֵיי הָאבְּן אַ מַחֲלָה וְכוּ' אוּן עֶס אִיז דָא פֶעלֶער וָואס עֶס אִיז פָּשׁוּט דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס מֶען דַארְף אוֹיסְאַרְבֶּעטְן; בַּיי דַיין פַאל, אַז דַיין קִינְד אִיז דִיר גֶעקוּמֶען דֶערְצֵיילְן - אִיז אַ סִימָן אַז עֶר ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן, עֶר ווִיל פַארְרֶעכְטְן.

דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אִים נִישְׁט צוּ פַארְשֶׁעמֶען;

קֵיינֶער אִין דִי מִשְׁפָּחָה דַארְף נִישְׁט ווִיסְן פוּן דָאס וָואס הָאט פַּאסִירְט.

צְוֵוייטְנְס, רֶעד מִיט אִים; הֶעלְף אִים אַרוֹיסְקְרִיכְן דֶערְפוּן. פְרֶעג אִים אוֹיבּ עֶר ווִיל דוּ זָאלְסְט אִים הֶעלְפְן אִיבֶּערְגֵיין אַלֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת פוּן וֶועם עֶר הָאט אַלְץ גֶענוּמֶען און דוּ וֶועסְט עֶס בַּאצָאלְן.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ אַסַאךְ רֶעדְן צוּ אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה. וֶוען קִינְדֶער הֶערְן אַסַאךְ דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, זֵיי הֶערְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט צוּבִּיסְלִיךְ אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זֵיי אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, זֵיי וֵוייסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט זֵיי; אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ מֶער בַּיי זֵיי גְנֵיבָה, ווַייל זֵיי וֵוייסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט זֵיי, עֶר זֶעט אַלֶעס.

מֶען דַארְף אַסַאךְ רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה; ווִי מֶער מֶען רֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - פַּאלְן אַוֶועק אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת און אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע גְלִיסְטֶענִישְׁן.

וואוֹיל זֶענֶען דִי עֶלְטֶערְן וָואס זֶענֶען מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער, זֵיי צוּ בְּרֶענְגֶען צוּ יִרְאַת שָׁמַיִם און צוּ אַלֶע גוּטֶע מִידוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַרַיינְקוּמֶען אִין אַייעֶר יְשִׁיבָה?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר וָואס ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק אַרַיינְקוּמֶען אִין אַייעֶר יְשִׁיבָה, אָבֶּער מַיין טַאטֶע לָאזְט מִיר נִישְׁט, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ד' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּלַייבּ אִין דִי יְשִׁיבָה וואו דוּ לֶערְנְסְט; קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט דַיינֶע עֶלְטֶערְן, אַז זֵיי ווילְן נִישְׁט זָאלְסְט קוּמֶען אִין דִי בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר יְשִׁיבָה - זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוּמֶען.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז מֶען קֶען זִיךְ דְרֵייעֶן אִין יְשִׁיבָה אוּן נִישְׁט זַיין אִין יְשִׁיבָה אוּן מֶען קֶען לֶערְנֶען עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט זַיין אִין יְשִׁיבָה; אַז מֶען פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, מֶען לֶערְנְט שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, מֶען לֶעבְּט מִיט דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת - דֶעמָאלְט אִיז מֶען בַּיים רֶבִּי'ן.

וָואס מֵיינְסְטוּ, יֶעדֶער וָואס דְרֵיידְט זִיךְ אִין בְּרֶסְלֶב דֶער אִיז אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר? וָואס טְרַאכְסְטוּ, יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס קוּמְט אַרַיין אִין אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר שְׁטִיבְּל אָדֶער יְשִׁיבָה - אִיז שׁוֹין פוּן רֶבִּינְ'ס מֶענְטְשְׁן? מֶען קֶען זִיךְ דְרֵייעֶן אִין בְּרֶסְלֶב אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם שַׁיְיכוּת מִיטְ'ן רֶבִּי'ן; נָאר דֶער וָואס לֶערְנְט דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן - דֶער הָאט שַׁיְיכוּת מִיטְ'ן רֶבִּי'ן.

מוֹהֲרַא"שׁ הָאט דָאס גֶע'חַזֶר'ט מִיט אוּנְז זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, מֶען מוּז לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצב): "פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ נִמְצָאִים בְּתוֹךְ סִפְרוֹ", דִי פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִּיק גֶעפִינְט זִיךְ אִין זַיינֶע סְפָרִים; דֶער וָואס לֶערְנְט דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - דֶער אִיז נָאנְט צוּם רֶבִּי'ן, דֶער אִיז אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, אָבֶּער אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט דִי סְפָרִים - הָאט מֶען נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, אֲפִילוּ מֶען דְרֵיידְט זִיךְ, מֶען טוּט אוּן מֶען מַאכְט, עֶס זֶעט אוֹיס ווִי מֶען אִיז נָאנְט; אָן דִי סְפָרִים אִיז אַלֶעס נַארִישְׁקֵייטְן.

מַאךְ זִיךְ אַ סֵדֶר הַיּוֹם, אִין דִי צַייטְן וָואס מֶען דַארְף זַיין אִין יְשִׁיבָה זָאלְסְטוּ מִיטְהַאלְטְן דִי שִׁיעוּרִים אוּן אִין דִי זַייטִיגֶע צַייטְן זָאלְסְטוּ אוֹיסְנוּצְן

דִי צַייט צוּ לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן. דִי אַלֶע צַייטְן וָואס בָּחוּרִים דְרֵייעֶן זִיךְ אוּן פְרֵייעֶן זִיךְ, טוּעֶן גָארְנִישְׁט - זָאלְסְטוּ זִיצְן אִין אַ וִוינְקְל אִין יְשִׁיבָה מִיט אַ הוֹיפְן סְפָרִים, אַ חוּמָשׁ מִיט אַ מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא, שֻׁלְחָן עָרוּךְ, מֶדְרָשִׁים אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; לֶערְן שְׁנֶעל בְּגִירְסָא, אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער. דִי שִׁיעוּרִים פוּן יְשִׁיבָה דָאס זָאלְסְטוּ מִיטְהַאלְטְן, לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין; אַזוֹי וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט צוּ לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ.

זוּךְ אַ לֵיידִיגֶע פְּלַאץ אִין יְשִׁיבָה אוּן וֶוען קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, זָאלְסְט שְׁמוּעֶסְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֵויין צוּ אִים, בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר דוּ זָאלְסְט נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת, דוּ זָאלְסְט זַיין אָפְּגֶעהִיטְן.

בְּלַייבּ אִין דַיין יְשִׁיבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן אַזוֹי שְׁנֶעל רוֹיט?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַ פְּרָאבְּלֶעם אַז אִיךְ וֶוער זֵייעֶר שְׁנֶעל רוֹיט פַאר גָארְנִישְׁט, אִיךְ זוּךְ אַן עֵצָה דֶערוֹיף, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר הֶעלְפְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ד׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם וָואס מִיר הָאבְּן זָאלְן מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערוֹיף; נִישְׁט קֵיין חִילוּק אַ קְלֵיינֶע פְּרָאבְּלֶעם - אַ גְרוֹיסֶע פְּרָאבְּלֶעם, אַ פִיזִישֶׁע פְּרָאבְּלֶעם - אַ גֵייסְטִישֶׁע פְּרָאבְּלֶעם, אַ פְּרָאבְּלֶעם פוּן זִיךְ אַלֵיינְס - אָדֶער פוּן אַנְדֶערֶע; אַלֶעס זָאל מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת תְּפִלָּה, סִימָן לז): "עַל כָּל הַדְּבָרִים, הֵן עַל דָּבָר גָּדוֹל הֵן עַל דָּבָר קָטָן, תִּתְפַּלֵּל", אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, סַיי גְרוֹיסֶע זַאכְן, סַיי קְלֵיינֶע זַאכְן - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן: 'דִי קְלֵיינִיקֵייט בֶּעט אִיךְ נִישְׁט; אִיךְ גֵיי נִישְׁט מוּטְשֶׁען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ', מֶען מֵיינְט אַז וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָפְּגֶעמַאטֶערְט; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶוערְט נִישְׁט אָפְּגֶעמַאטֶערְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט קֵיין בָּשָׂר וָדָם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט צוּ הֶערְן וִוי מֶען בֶּעט אִים אוּן מֶען מוּטְשֶׁעט אִים.

נֶעם דִיר אַ בַּאשְׁטִימְטֶע זַאךְ צוּ בֶּעטְן אוֹיף דֶעם יֶעדְן טָאג, וֶועסְטוּ זֶען וִוי עֶס וֶועט זִיךְ טוֹישְׁן; דוּ וֶועסְט זִיךְ מֶער נִישְׁט שֶׁעמֶען פוּן אַנְדֶערֶע, דוּ וֶועסְט מֶער נִישְׁט וֶוערְן רוֹיט וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מַיין שְׁוֶוער קוּקְט מִיר אַרָאפּ, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט בְּעֶרֶךְ אַ יָאר צוּרִיק, אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן אִינְדֶערְהֵיים. אֵיין זַאךְ שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, אַז מַיין שְׁוֶוער קוּקְט אַרָאפּ אוֹיף מִיר, עֶר אִיז מִיר מְבַטֵּל אוּן הַאלְט אַז אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט וֶוערְד.

מַיין שְׁוֶוער אִיז אַ חָשׁוּבְ'עֶר מֶענְטְשׁ, מַיין טַאטֶע אִיז אוֹיךְ אַן אִישׁ מְכוּבָּד, עֶס קוּקְט אוֹיס אַז דִי שִׁידוּךְ אִיז גֶעמַאכְט גֶעוָוארְן לְכָבוֹד דִי מְחוּתָּנִים, אָבֶּער מִיר אַלֵיין גְלַייבְּט נִישְׁט

מַיין שְׁוֶוער. עֶר זָאגְט מִיר נִישְׁט קַיין דֵעוֹת, פַארְקֶערְט, עֶר הָאט מִיר נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזָאגְט קַיין דֵעָה אוֹיף וָואס אִיךְ טוּ, אוּן אִיךְ בִּין אִים זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה דֶערוֹיף, אָבֶער אִיךְ זֶע אוֹיף זַיינֶע בְּלִיקְן, וֶוען אִיךְ זִיץ בַּיי דִי סְעוּדָה אוּן אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער, אַז עֶר אִיז מְזַלְזֵל אִין מִיר, עֶר הַאלְט פוּן מִיר וִוי פוּן אַ קְלֵיין קִינְד, אוּן וֶוען אִיךְ רוּף זִיךְ אַמָאל אָן עֶפֶּעס בַּיי דִי סְעוּדָה וְכַדוֹמֶה, קוּקְט עֶר אַזוֹי זֵייטִיג מִיט זִלְזוּל, אַמָאל קֶען עֶר עֶס אֲפִילוּ אַוֶועקְמַאכְן מִיט אַ מַאךְ מִיט דִי הֶענְט.

אִיךְ הָאב אַ נָאנְטֶע קֶשֶׁר אִינְדֶערְהֵיים, אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן אוּן אִיךְ מֵיין אַז זִי אִיז אוֹיךְ צוּפְרִידְן. קֶען זַיין אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק וִוי מַיין שְׁוֶוער, אָדֶער וִוי זַיינֶע אַנְדֶערֶע קִינְדֶער. וֶוען עֶס וֶוערְט נוֹלָד אַ שְׁאֵלָה אִין דִי מִשְׁפָּחָה אוּן אַלֶע לוֹמְדִים הוֹיבְּן אָן אַרַיינְצוּרֶעדְן - בִּין אִיךְ דֶער קְלֵיין קִינְד. גְרַאדֶע, מִיט מַיינֶע שְׁוָואגֶערְס בִּין אִיךְ זֵייעֶר נָאנְט, אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּגֶעקְלַאפְּט פוּן זֵיי, אָבֶער פוּן מַיין שְׁוֶוער יָא.

אַסַאךְ מָאל פַאר שַׁבָּת, גְרֵייט אִיךְ זִיךְ צוּ כְּדֵי אִיךְ זָאל קוּמֶען צוּגֶעגְרֵייט צוּ אַ סְעוּדָה אוּן אִיךְ זָאל הָאבְּן וָואס צוּ רֶעדְן, אָבֶער מִיט דֶעם אַלֶעם בַּאהַאנְדְלְט עֶר מִיר וִוי אַ קְלֵיין קִינְד, אֲפִילוּ אִין אַנְדֶערֶע זַאכְן. עֶר פִּילְט אַז אִיךְ בִּין אַ שׁוֹטֶה אוּן אִיךְ שְׁפִּיר עֶס נִישְׁט. אִיךְ הַאלְט נִישְׁט אַז עֶר הָאט טַעֲנוֹת אוֹיף זַאכְן וָואס אִיךְ טוּ, אִיךְ מֵיין אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא אוֹיף וָואס צוּ הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת. עֶר בַּאטְרַאכְט מִיר נָאר וִוי אַ נַאר אוּן עֶר מֵיינְט אַז אִיךְ שְׁפִּיר עֶס נִישְׁט.

דָאס שְׁטֶערְט מִיר מוֹרָא'דִיג שְׁטַארְק אוּן אִיךְ קֶען עֶס שׁוֹין נִישְׁט אִיבֶּערְטְרָאגְן, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט אַן עֵצָה פַאר דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת וַיִּקְרָא, ד׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ קֶען דִיר נִישְׁט אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט דַיין שְׁוֶוער, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי; וִוי אִיךְ פַארְשְׁטֵיי פוּן דַיינֶע וֶוערְטֶער זֶעט מִיר אוֹיס אַז דָאס אִיז דַיין אֵייגֶענֶע פְּרָאבְּלֶעם, עֶס אִיז דוּ אַלֵיינְס וָואס דוּ קְלַאפְּסְט זִיךְ אַרָאפּ וֶוען דוּ גֵייסְט צוּ דַיין שְׁוֶוער. דוּ בִּיסְט נִישְׁט דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער מִיט

דֶעם פְּרָאבְּלֶעם, זֵייעֶר אַסַאךְ אִינְגֶעלַייט גֵייעֶן דָאס אַרִיבֶּער אִין זֵייעֶרֶע עֶרְשְׁטֶע יָארְן, מֶען צֶעדְרוּקְט זִיךְ אַלֵיינְס, מֶען ווִיל מַאכְן אַ פָּנִים פַאר׳ן שְׁוֶוער אַז מֶען אִיז אַ לַמְדָן וְכוּ׳.

דָאס זֶעלְבֶּע זֶענֶען דָא פַארְקֶערְט, אַסַאךְ צֶעדְרוּקְן זִיךְ פוּן זֵייעֶר אֵיידֶעם; מֶען הֵייבְּט אָן מַאכְן נֵייעֶ מִנְהָגִים פוּן וֶוען דִי טָאכְטֶער הָאט חֲתוּנָה, מֶען הָאט מוֹרָא ׳וָואס וֶועט מַיין אֵיידֶעם זָאגְן אוֹיף מִיר? וָואס וֶועט מַיין אֵיידֶעם טְרַאכְטְן אוֹיף מִיר?׳ מֶען הֵייבְּט זִיךְ אָן פִירְן אַנְדֶערְשׁ ווִי בִּיז אַהֶער, דֶער אֵיידֶעם זִיצְט בַּיים טִישׁ מִיט זַיינֶע דִמְיוֹנוֹת און דֶער שְׁוֶוער זִיצְט אַנְטְקֶעגְן אִים מִיט זַיינֶע דִמְיוֹנוֹת, בֵּיידֶע שְׁפִּילְן אַ שְׁוֶוערֶע שְׁפִּיל, עֶס דְרוּקְט זֵיי אִין מֹחַ, יֶעדֶער מֵיינְט אַז דֶער אַנְדֶערֶער קוּקְט אִים אַרָאפּ אָדֶער אַרוֹיף.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִמְיוֹן, זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן מִיט׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; טוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט מִיט אַ שִׂמְחָה און אוֹיבּ יֶענֶער הַאלְט יָא פוּן מִיר אָדֶער נִישְׁט - דָאס הָאט נִישְׁט מִיט מִיר, דָאס הָאט מִיט יֶענֶעם. אִיךְ וֵייס פוּן אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶר חָסִיד וָואס בַּיי אִים אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק וֶוען מֶען גֶעבְּט אִים אַ קָאמְפְּלִימֶענְט אָדֶער מֶען זָאגְט אִים קְרִיטִיק, עֶר פַאר זִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל טוּן נָאר דֶעם רְצוֹן הַשֵּׁם און וָואס אַנְדֶערֶע זָאגְן הָאט נִישְׁט מִיט אִים, עֶס גֵייט אִים נִיטְאַמָאל אָן.

לָאמִיר זָאגְן אַז עֶס אִיז יָא אֱמֶת, דַיין שְׁוֶוער לַאכְט זִיךְ אוּנְטֶער פוּן דִיר, זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט נֶעמֶען צוּם הַארְצְן; זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ דֶערְצֵיילְן דַיין וַוייבּ. אִיךְ פַארְשְׁטֵיי פוּן דַיינֶע וֶוערְטֶער אַז דַיין וַוייבּ קוּקְט יָא שֵׁיין אוֹיף דִיר, אִיז דָאךְ גוּט; דָאס אִיז דָאךְ דֶער עִיקָר, עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם אִין שְׁטוּב, עֶס זָאל זַיין אַהֲבָה אִין שְׁטוּב. זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט רֶעדְן צוּ אִיר קֶעגְן אִירֶע עֶלְטֶערְן; זָאלְסְט אִיר שְׁטֶענְדִיג זָאגְן ׳דַיין טַאטֶע אִיז אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ׳, זִי וֶועט דָאס אִיבֶּערְזָאגְן פַאר אִירֶע עֶלְטֶערְן, אַזוֹי וֶועט דַיין שְׁוֶוער אָנְהֵייבְּן קוּקְן שֵׁיין אוֹיף דִיר.

אִין יֶעדְנְפַאלְס, מֶען לַאכְט יָא פוּן דִיר - מֶען לַאכְט נִישְׁט פוּן דִיר, דוּ זָאלְסְט זֶען מֶען זָאל הַאלְטְן פוּן דִיר אִין הִימְל, אוֹיבְן זָאל מֶען קוּקְן שֵׁיין אוֹיף דִיר.

דֶערְמַאנְסְט מִיר אַ מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא״ש פְלֶעגְט אַסַאךְ דֶערְצֵיילְן. עֶס אִיז בַּאוְוּיסְט אַז צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶער עִנְיָן צוּ אוּנְטֶערְהֶערְן פֶּסַח בַּיינַאכְט וִוי פָּשׁוּטְ׳עֶ מֶענְטְשְׁן מַאכְן דֶעם סֵדֶר מִיט זֵייעֶרֶע גְרַייזְן וְכוּ׳, אֵיינֶער פוּן דִי צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעהֶערְט פֶּסַח בַּיינַאכְט וִוי אַ פָּשׁוּטְ׳עֶר אִיד וֵוינְט בַּיי דִי וֶוערְטֶער: ״תָּם מָה הוּא אוֹמֵר?״ עֶר הָאט עֶס אִיבֶּערְגֶעזָאגְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל מִיט הֵייסֶע טְרֶערְן, וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: ״וָואס אִיז דָא צוּ וֵויינֶען בַּיי דִי וֶוערְטֶער?״ הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט גָארְנִישְׁט, אִיךְ זֶע דֶער חָכָם זָאגְט עֶפֶּעס, דֶער רָשָׁע זָאגְט עֶפֶּעס, וָואס גֵייט מִיר אָן וָואס דֶער חָכָם זָאגְט אוֹיף מִיר? וָואס גֵייט מִיר אָן וָואס דֶער רָשָׁע הַאלְט פוּן מִיר? אֵיין זַאךְ גֵייט מִיר אָבֶּער יָא אָן: ׳תָּם, מָה הוּא אוֹמֵר׳? עֶר וַוייזְט מִיטְ׳ן פִינְגֶער אַרוֹיף אוֹיבְן: ׳וָואס זָאגְט מֶען אוֹיף מִיר אוֹיבְן אִין הִימְל (אוֹיף רוּסִישׁ זָאגְט מֶען ׳דָארְט׳ - תָּם); דֶער הַאלְט פוּן מִיר, דֶער צְוֵוייטֶער הַאלְט נִישְׁט פוּן מִיר, אֵיינֶער זָאגְט אִיךְ בִּין אַ בַּטְלָן, אַ צְוֵוייטֶער זָאגְט אִיךְ בִּין אַ שְׁלִימַזָל, אָבֶּער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס הַאלְסְטוּ פוּן מִיר? רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט קוּקְן אוֹיף מִיר גוּט, אִיךְ וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ וִויל זַיין הֵיילִיג; מֶער פוּן דֶעם אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט׳.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְן מִיט אֱמוּנָה, עֶס זָאל אוּנְז נָאר אָנְגֵיין רָצוֹן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

...

# הגדה של פסח אור זרוע אויף אידיש הערליך איבערגעדרוקט

לכבוד פסח – דער יום טוב פון אמונה, איז נישטא קיין פאסיגערע הגדה ווי דער בארימטער הגדה "אור זרוע" וואס מוהרא"ש זי"ע האט געשריבן, וואס איז אנגעפילט מיט הערליכע ווערטער פון אמונה אויבערשטן, חיזוק, שמחה של מצוה, און לייגט אריין די ווערטער אין מויל פאר דער וואס פירט א סדר, מען זאל עס קענען איבערגעבן די הייליגע אמונה ווייטער פאר די קינדער אין די הייליגע סדר נאכט.

דער קרן הדפסה האט שוין געדרוקט די הגדה עטליכע מאל, און איז אלץ צוכאפט געווארן תיכף דורך אנשי שלומינו, היי יאר האט מען אריינגעלייגט דערין אסאך כחות, מען האט עס ווידער מגיה געווען, און הערליך מסדר געווען, און צוגעלייגט שיינע זאכן. מען קען עס באקומען בחנם אויפן וועבסייט און דאונלאדן.

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## **דִּי יְסוּרִים שְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט מְקַבֵּל זַיין אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר בְּאַהֲבָה, גְלֵייבּ בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אִיז נָאר לְטוֹבָה; דִי גְרֶעסְטֶע טוֹבָה וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן דִי שְׁוֶועְרִיקֵייטְן אִיז, אַז דֶער מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן פוּן תַּכְלִית, מֶען הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא, תֵּצֵא): "צָרִיךְ הָאָדָם לְהַחֲזִיק טוֹבָה לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּזְמַן שֶׁהַיְסוּרִין בָּאִין עָלָיו", מֶען דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען מֶען גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועְרֶע יְסוּרִים, "לָמָּה", פַארְוָואס? וָואס אִיז דִי זַאךְ אַז מֶען זָאל דַארְפְן דַאנְקֶען אוֹיף יְסוּרִים? "שֶׁהַיְסוּרִין מוֹשְׁכִין אֶת הָאָדָם לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", וַוייל דִי יְסוּרִים שְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי בֶּעסְטֶע פְּלַאץ וואו מֶען קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן וֶוען מֶען הָאט שְׁוֶועְרֶע טֶעג, אִיז נָאר אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; דִי תּוֹרָה אִיז דִי בֶּעסְטֶע פְּלַאץ וֶוען מֶען גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועְרִיקֵייטְן. תּוֹרָה הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ, תּוֹרָה אִיז דִי בֶּעסְטֶע פְּלַאץ וואו מֶען קֶען אַנְטְלוֹיפְן בְּעֵת צָרָה.

מִיר גֵייעֶן עֶנְדִיגְן יֶעצְט מַסֶכֶת פְּסָחִים, קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ מָאנְטָאג עֶנְדִיגְט מֶען מַסֶכֶת פְּסָחִים אוּן מֶען הֵייבְּט אָן אַ נֵייעֶ מַסֶכְתָּא, מַסֶכֶת שְׁקָלִים. ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס לֶערְנְט יֶעדְן טָאג לְכָל הַפָּחוֹת אַ בְּלַאט גְמָרָא, וֶועט עֶר זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

## מֶען דַארְף נִישְׁט זוּכְן בַּאהַאלְטֶענֶע פְּלֶעצֶער, מֶען קֶען רֶעדְן הוֹיךְ אִין שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִחְיוּ**

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען צוּ אַייךְ אוֹיף שַׁבָּת, אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט גֵיין צוּ מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ״א; עֶר הַאלְט אִינְמִיטְן דִי שִׁבְעָה נָאךְ מַיין זֵיידֶע זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דֶעם שַׁבָּת בַּיי אִים. אִיךְ נֶעם אָן דִי אַיינְלַאדֶענוּנְג, אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם, אִיךְ וֶועל נָאךְ זַיין בַּיי עֶנְק.

שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט אֱמוּנָה; יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיר דַארְפְט - זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיר דַארְפְט נִישְׁט זוּכְן בַּאהַאלְטֶענֶע פְּלֶעצֶער, אִיר קֶענְט רֶעדְן הוֹיךְ אִין שְׁטוּבּ; זָאלְן דִי קִינְדֶער אוֹיפְוַואקְסְן מִיט דֶעם. קִינְדֶער וָואס הֶערְן שְׁטֶענְדִיג ווִי דִי עֶלְטֶערְן רֶעדְן, בֶּעטְן אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ רֶעדְן, בֶּעטְן אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

## עֶס קוּמֶען אַרָאפּ נְשָׁמוֹת פוּן אוֹיבְן אוּן וֶוערְן נִפְטָר יוּנְגֶערְהֵייט

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, לָאנְדָאן**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דֵיין בְּרִיוו.

מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט וָואס טוּט זִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט; עֶס קוּמֶען אַרָאפּ נְשָׁמוֹת פוּן אוֹיבְן אוּן וֶוערְן נִפְטָר יוּנְגֶערְהֵייט, דָאס אִיז זַאכְן וָואס אִיז פַארְהוֹילְן פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם.

מֶען אִיז זוֹכֶה דוּרְכְדֶעם נִיצוֹל צוּ וֶוערְן פוּן גֵיהִנוֹם, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה מט.): ״שֶׁמְּבַזְבְּזִין דִּין אֲבִיהֶם לֶעָתִיד לָבוֹא״, זֵיי נֶעמֶען אַוֶועק אַלֶע דִינִים פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, מִיט דֶעם טַייטְשְׁן זֵיי דֶעם פָּסוּק (זְכַרְיָה ד, י): ״כִּי מִי בַז״, וֶוער צֶערַייסְט דִי דִינִים, ״לְיוֹם״, וָואס וֶועט זַיין לֶעָתִיד לָבוֹא? ״קְטַנּוֹת״, - דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער.

רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי זָאגְט (תַּנְחוּמָא כִּי תֵצֵא, ב): ״אִם מֵת לְאָדָם בֵּן״, אַז מֶען פַארְלִירְט אַ קִינְד, ״לֹא יְהֵא קוֹרֵא תִגָּר״, זָאל מֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״שֶׁהַבֵּן מְרַצֶּה אוֹתוֹ לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא״, וַוייל דֶער קִינְד וָואס אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי עֶלְטֶערְן.

אוֹיף דַיין פְּרַאגֶע אוֹיבּ מֶען זָאל שְׁטֶעלְן אַ מַצֵּבָה; מֶען מַאכְט נִישְׁט קַיין מַצֵּבָה פַאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער, אֲפִילוּ פַאר עֶלְטֶערֶע אוּן זִיכֶער נִישְׁט בַּיי זִיבְּן חֲדָשִׁים. אוֹיךְ גֵייט מֶען נִישְׁט צוּם קֶבֶר פוּן קִינְדֶער, דָאס אִיז דִי טוֹבָה פַאר דִי נְשָׁמָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן קִינְדֶער, נָאר זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען קִינְדֶער אַז אוֹיבּ מֶען טוּט וֶוייּ, מֶען טְשֶׁעפֶּעט אַ צְוֵוייטְן - אִיז דָאס זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע זַאךְ. עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה וֵוייּ צוּ טוּן אַנְדֶערֶע, בִּפְרַט אַ קִינְד וָואס קֶען נֶעבֶּעךְ נִישְׁט גֵיין, דַארְפְן אַלֶע זֵיי הֶעלְפְן; נִישְׁט חוֹזֵק מַאכְן פוּן זֵיי.

אַז דִי קִינְדֶער הָאבְּן גֶעטוּן אַזַא זַאךְ, גֶענוּמֶען דִי מֵיידְל וָואס קֶען נִישְׁט גֵיין אוּן מֶען הָאט אִיר נָאכְגֶעמַאכְט - אִיז דָאס נִישְׁט זֵייעֶר פְּרָאבְּלֶעם, זֵיי זֶענֶען קִינְדֶער; קִינְדֶער וֵוייסְן גָארְנִישְׁט, קִינְדֶער זֶענֶען וואוּיל, קִינְדֶער זֶענֶען רֵיין. קִינְדֶער דַארְף מֶען לֶערְנֶען; אַז עֶס פַּאסִירְט אַזַא זַאךְ דַארְפְן דִי טִיטְשֶׁערְס פַארְמַאכְן דִי סְפָרִים אוּן אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער וָואס מֵיינְט גֶעפִילְן; וָואס מֵיינְט טְשֶׁעפֶּען, וָואס מֵיינְט וֵוייּ טוּן; אוֹיבּ מֶען טוּט יֶענֶעם וֵוייּ קֶען דָאס נָאכְדֶעם פַּאסִירְן צוּם מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס.

מֶען דַארְף נִישְׁט דֶערשְׁרֶעקְן קִינְדֶער מִיט שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאכְן, מֶען דַארְף נִישְׁט זָאגְן דִי זַאכְן: ׳דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט נִישְׁט אוֹיס דִי תְּפִילוֹת פוּן דִי וָואס טוּעֶן וֵוייּ אַנְדֶערֶע׳; דָאס אִיז וֶוען עֶס אִיז דָא דַעַת, וֶוען עֶס אִיז דָא שֵׂכֶל, בַּיי דֶערְוַואקְסֶענֶע מֶענְטְשְׁן. אָבֶּער קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער, מֶען דַארְף זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין אוּן לֶערְנֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ וֶועל נִישְׁט מַאכְן קַיין שִׁידוּךְ אָן אַייעֶר ווִילְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ אוּנְטֶער אַז אִיךְ וֶועל נִישְׁט מַאכְן קַיין שִׁידוּךְ מִיט אַייעֶר טָאכְטֶער ... תִּחְיֶ׳ אָן אַייעֶר ווִילְן.

אִיר הָאט נִישְׁט וָואס מוֹרָא צוּ הָאבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גָארְנִישְׁט אִיז נִישְׁט הֶעכֶער פוּן מְחַנֵךְ זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵד בַּתַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ**

לֵייג אַרַיין דַיין קָאפּ אִין חֶדֶר; בַּיי מִיר אִיז דֶער חֶדֶר אוּן סְקוּל דָאס ווִיכְטִיגְסְטֶע, גָארְנִישְׁט אִיז נִישְׁט הֶעכֶער פוּן מְחַנֵךְ זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אוֹיבּ אִיז דָא זַאכְן צוּ פַארְעֶנְטְפֶערְן [sic] - זָאלְסְטוּ רֶעדְן מִיטְ׳ן מְנַהֵל ר׳ ... נֵרוֹ יָאִיר; הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא צוּ רֶעדְן מִיט אִים, הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא צוּ בַּאמֶערְקְן, אוּן אוֹיבּ דוּ זֶעסְט אַז עֶס וֶוערְט נִישְׁט מְסוּדָר - זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ מִיר, טְרַאכְט נִישְׁט ׳אִיךְ ווִיל נִישְׁט שְׁטֶערְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה׳, מִיט דֶעם וָואס מֶען בַּאמֶערְקְט נִישְׁט, מֶען פַארְעֶכְט נִישְׁט - מִיט דֶעם שְׁטֶערְט מֶען מִיר, מִיט דֶעם טוּט מֶען מִיר וֵויי. אִיךְ ווִיל ווִיסְן יֶעדֶע פְּרָט וָואס טוּט זִיךְ בַּיי מִיר אִין מוֹסָד.

נֶעכְטְן נַאכְט הָאט מֶען גֶערוּקְט דֶעם זֵייגֶער; מִיר גֵייעֶן אַרַיין אִינֶעם צְוֵוייטְן חֵלֶק יָאר, דֶער זוּמֶער זְמַן. יֶעצְט וֶוערְן דִי קִינְדֶער מֶער פַארְשְׁפִּילְט, דַארְף מֶען זֶען ווִי מֶער מֶען קֶען אִין זֵיי אַרַיינְלֵייגְן יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה מִיט אַ זִיסְקֵייט אוּן גֶעשְׁמַאק.

...

## אִיךְ הָאף אַז דוּ לֶערְנְסְט נָאךְ דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**צוּ מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הֶער אַז דוּ הָאסְט זִיךְ אַוֶעק גֶעצוֹיגְן פוּן דָא, דוּ בִּיסְט גֶעגַאנְגֶען קַיין ...; וַויל אִיךְ דִיר וִוינְטְשְׁן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה, זָאלְסְט הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע אוּן זָאלְסְט הָאבְּן נַחַת פוּן דַיינֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, אָמֵן.

אִיךְ הָאף אַז דוּ לֶערְנְסְט נָאךְ דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימּוּד פוּן רֶבִּי'ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו); הַיינְט הֵייבְּט מֶען אָן אַ נֵייעֶם סֵפֶר, 'סֵפֶר וַיִּקְרָא', אַ נֵייעֶ סֶדְרָה; כַאפּ זִיךְ מִיט, לֶערְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת אוּן בְּעִיקָר זָאלְסְטוּ נִישְׁט פַארְפֶעלְן צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא - וֶועסְטוּ הָאבְּן הַצְלָחָה.

...

## קִינְדֶער מַאכְן נָאר שְׁטֶערְקֶער דִי שָׁלוֹם בַּיִת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען בַּיי מִיר מִיט דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳ הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז דוּ הָאסְט אוֹיף וָואס צוּ דַאנְקֶען.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַ טֵייעֶרֶע וַוייבּ תִּחְיֶ׳; זִי וִויל זַיין אַ מַאמֶע, זִי הָאט דִי כֹּחוֹת צוּ פִירְן אַ גְרוֹיסֶע שְׁטוּבּ, דָאס וֶועט גָארְנִישְׁט אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן דִיר; קִינְדֶער מַאכְט נָאר שְׁטֶערְקֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער דֶעם

קְנִיפּ צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ.

אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעגֶעבְּן גֶערֶעכְט, וַוייל אַזוֹי הָאבּ אִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן גְרוֹיסֶע רַבָּנִים. וָואלְט דִי מַעֲשֶׂה גֶעוֶוען פַארְקֶערְט, וָואלְט זִי גֶעבֶּעטְן וְכוּ׳, וָואלְט אִיךְ גֶעהֶערְט אַז זִי הָאט נִישְׁט דִי כֹּחוֹת - אִיז עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אָבֶּער זִי אִיז גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק פִיזִישׁ אוּן גֵייסְטִישׁ, זִי וִויל קִינְדֶער, זִי הָאט דִי שֵׂכֶל דָאס צוּ וֶועלְן; דוּ ווִילְסְט וַוארְטְן - אוֹיף דֶעם קֶען אִיךְ דִיר גֶעבְּן חִיזוּק זָאלְסְט וִויסְן אַז דָאס וֶועט עֶנְק נָאר מַאכְן נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער, אַנְדֶערְשׁ ווִי דִי גוֹי׳שֶׁע טָמֵא׳נֶע לֶעבְּן זָאגְט.

...

## זַיי שְׁטָאלְץ מִיט דַיין צֶלֶם אֱלֹקִים, דַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ דִיר צוּ זֶען אִין יְשִׁיבָה לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען.

זֶע צוּ רֶעדְן שֵׁיין מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, וֶועסְטוּ זִיךְ אַיינְקוֹיפְן אַ גוּטֶע נָאמֶען אוּן עֶס וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען לַאנְג בִּיז דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן דַיין גוּטֶע שִׁידוּךְ.

זַיי שְׁטָאלְץ מִיט דַיין צֶלֶם אֱלֹקִים, דַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת. עֶס זֶענֶען דָא וָואס הָאבְּן אַ פַארְדְרֵייטֶע קָאפּ, זֵיי שֶׁערְן דִי בָּארְד אוּן לָאזְן וַואקְסְן אַ בָּארְד הֶעכֶערְן שְׁטֶערְן, דָאס וַוייזְט אַז זֵיי שְׁטֵייעֶן מִיט אַ פַארְקֶערְטֶע קָאפּ; אָבֶּער אַז דֶער קָאפּ אִיז גְרָאד, דֶעמָאלְט שֶׁערְט מֶען זִיךְ דִי הָאר הֶעכֶערְן שְׁטֶערְן אוּן מֶען לָאזְט וַואקְסְן דִי הֵיילִיגֶע בָּארְד.

...

**אַ טֶענֶענְט הָאט שְׁטֶענְדִיג טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן לֶענְדְלָארְד**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אֲפִילוּ מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶערֶעדְט, דָאךְ ווִיל אִיךְ דִיר נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְ'חַזְרְ'ן בִּכְתַב.

הָאבְּרֶךְ ... נֵרוֹ יָאִיר אִיז נִישְׁט אַזוֹי שְׁלֶעכְט ווִי דוּ טְרַאכְסְט; דָאס אִיז דֶער נַאטוּר פוּן אַ טֶענֶענְט, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן לֶענְדְלָארְד. דֶער טֶענֶענְט אַרְבֶּעט שְׁווֶער צוּ פַארְדִינֶען, עֶנְדְלִיךְ עֶר בַּאקוּמְט זַיין גֶעהַאלְט - דַארְף עֶר דָאס אַוֶועק גֶעבְּן פַארְ'ן לֶענְדְלָארְד חוֹדֶשׁ'לִיךְ; דָאס מַאכְט אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶעפִיל, 'דִי פַארְדִינְסְטְן פוּן רוֹב חוֹדֶשׁ גֵייט אַוֶועק צוּ פְּלוֹנִי אַלְמוֹנִי'; דֶערְפַאר הֵייבְּט מֶען אָן זוּכְן, דָאס טוֹיג נִישְׁט, יֶענְץ טוֹיג נִישְׁט.

אַנְדֶערְשׁ אִיז מִיט דִי וָואס טְרַאכְטְן: 'קֵיינֶער קוּמְט מִיר גָארְנִישְׁט'; דֶער קוּקְט אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט מִיט אַ לִיכְטִיגֶע בְּלִיק, עֶר זֶעט נָאר ווִי מֶענְטְשְׁן טוּעֶן אִים גוּטְס, עֶר קוּקְט אוֹיף זַיין לֶענְדְלָארְד מִיט רַחְמָנוּת, עֶר זֶעט אִין אִים עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, עֶר זֶעט אַ מֶענְטְשׁ בּוֹיט אַ הוֹיז, עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ - אַז אִיךְ זָאל הָאבְּן וואוּ צוּ וואוֹינֶען, 'אֵיינֶער טוּט אוּן מַאכְט פַאר מִיר? פַארְוָואס?' אַזַא אֵיינֶער טְרָאגְט דִי רֶענְט מִיט אַ שִׂמְחָה, עֶר דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט יֶעדְן אֵיינֶעם.

וֶוען דוּ הָאסְט וֶוען אַן אֵייגֶענֶע הוֹיז, וֶוער וָואלְט דֶעמָאלְט גֶעוֶוען שׁוּלְדִיג אַז עֶס וֶוערְט נִישְׁט גֶעטוּן דִי אַלֶע זַאכְן?

אִיךְ ווּאוּנְטְשׁ דִיר בְּקָרוֹב אַן אֵייגֶענֶע הוֹיז; אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ אִין דַיין אֵייגֶענֶע הוֹיז.

...

## קִינְדֶער מֵיינֶען נִשְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס, מֶען דַארְף זֵיי נָאר אוֹיסְלֶערְנֶען וָואס צוּ טוּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרַט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

א גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר׳ן הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת אַזוֹי גֶעטְרֵיי; דִי סֶעקְרֶעטֶעריס זֶענֶען אַן עִיקָר פוּנֶעם מוֹסָד, וַוייל אָן דִי אָפִיס אִיז גָארְנִישְׁט דָא. מִיט דֶעם וָואס אִיר מִיט דִי אַנְדֶערֶע פְּרוּוְוֶען זִיצְן אִין אָפִיס אוּן אַרְבֶּעטְן פַאר דִי מוֹסָד - נָאר אַזוֹי אִיז דָא דִי מוֹסְדוֹת.

גֶעבְּט אִיבֶּער פַאר דִי סֶעקְרֶעטֶעריס זֵיי זָאלְן נִשְׁט קַנְסְ׳עֶנֶען קִינְדֶער; מִיר הָאבְּן גָאר גוּטֶע לֶערֶערִינְס אוּן בִּפְרַט מָרַת ..., זֵיי גֶעבְּן אַכְטוּנְג, זֵיי זֶענֶען מְחַנֵּךְ דִי קִינְדֶער.

אֵיין טָאג פָארִיגֶע וָואךְ הָאט פַּאסִירְט בַּיי דִי פִּיצֶעלֶע מֵיידְלֶעךְ, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁפִּילְט נִישְׁט אֵיידְל, אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי קְלֵייד וְכוּ׳; פּוּנְקְט יֶענֶע מִינוּט אִיז דִי טִיטְשֶׁער נִישְׁט דָארְט גֶעוֶוען אוּן פּוּנְקְט יֶענֶע מִינוּט אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַ סֶעקְרֶעטֶערִי, זִי הָאט זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן אוּן אַרַיינְגֶענוּמֶען אַ מֵיידְל אִין אָפִיס פַאר אַ קְנָס.

בֶּעט אִיךְ אַייךְ אִיר זָאלְט נִישְׁט אוֹיסְמִישְׁן דִי יוֹצְרוֹת; אוֹיבּ פַּאסִירְט סֵיי וָואס, דַארְף מֶען רֶעדְן צוּ מָרַת ..., זִי אִיז אַ מַתָּנָה פַאר עֶנְקֶער סְקוּל, זִי הָאט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, זִי וֵוייסְט וָואס צוּ טוּן אִין יֶעדֶע מַצָּב, זִי רֶעדְט טָאג אוּן נַאכְט מִיט מָרַת ... תִּחְיֶ׳ - דִי מְנַהֶלֶת פוּן ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אוֹיךְ פְרֶעגְט זִי מִיר וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

בִּפְרַט וֶוען דִי רֶעדֶע אִיז פוּן פִּיצֶעלֶעךְ קִינְדֶער, טַייעֶרֶע קִינְדֶער, נְשָׁמָה׳לֶעךְ; וֶוען זֵיי שְׁפִּילְן זִיךְ נִישְׁט אֵיידְל אִיז דָאס נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס, זֵיי וֵוייסְן נָאךְ גָארְנִישְׁט, מֶען דַארְף זֵיי שֵׁיין זָאגְן, דֶעמָאלְט פָאלְגְן זֵיי. אַזוֹי הָאט זִי גֶעטוּן; זִי הָאט גֶערֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער אַזוֹי הַארְצִיג, אַזוֹי וַוארֶעם, בִּיז דִי פִּיצֶעלֶעךְ קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען צוּ זַיין אֵיידְל.

שְׁטַארְקְט אַלֶע סֶעקְרֶעטֶערִיס זֵיי זָאלְן שְׁפִּירְן ווִי זֵיי זֶענֶען חָשׁוּב. אִיךְ ווֵייס וָואס עֶנְק טְרַאכְטְן; אַלֶע סֶעקְרֶעטֶערִיס טְרַאכְטְן ׳וֶוער דַארְף מִיךְ? וָואס טוּ אִיךְ שׁוֹין? וְכוּ׳ וְכוּ׳׳; וַוייל אַזוֹי טְרַאכְטְן אַלֶע וָואס טוּעֶן פַאר׳ן רֶבִּי׳ן.

...

## זֵיי מִתְפַּלֵל מִיט דִי קִינְדֶער מֶען זָאל קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד אוּנְזֶער חָשׁוּבְ׳עֶר מְלַמֵד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַשְׁרֶיךְ וְאַשְׁרֵי חֶלְקֶךְ! זַיין אַ מְלַמֵד אִיז פוּן דִי הֶעכְסְטֶע זַאכְן בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער. מְלַמְדִים צִיעֶן אוֹיף דוֹרוֹת פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּפְרַט דִי מְלַמְדִים וָואס גֶעבְּן אַכְטוּנְג אוֹיף יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן קִינְד, זֵיי גֶעבְּן זִיךְ אָפּ מִיט דִי קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן צֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטוּבֶּער אוּן גֶעבְּן זֵיי לִיבְּשַׁאפְט אוּן וַוארֶעמְקֵייט – דִי זֶענֶען זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ וֶועל קֶענֶען דִי וָואךְ בַּאצָאלְן אַלֶע מְלַמְדִים, אִיר וֶועט קֶענֶען אָנְגְרֵייטְן דֶעם יוֹם טוֹב מִיט הַרְחָבַת הַדַעַת.

אִיךְ דַארְף הָאבְּן גְרוֹיסֶע נִיסִים, בֶּעט אִיךְ דִיר, זֵיי מִתְפַּלֵל מִיט אַלֶע קִינְדֶער יֶעדְן טָאג דִי וֶוערְטֶער: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף דִי מוֹסָד זָאל הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע, מֶען זָאל קֶענֶען בַּאצָאלְן אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע צַייטְלִיךְ״.

בִּזְכוּת דִי תְּפִילוֹת פוּן תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן וֶועלְן מִיר הָאבְּן נִיסִים.

...

### וואויל אִיז דִי וָואס זֶענֶען שְׁטַארְק נִזְהָר אִין נֶעגְל וַואסֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וֶוען מֶען שְׁלָאפְט בַּייטָאג דַארְף מֶען זִיךְ אָפְּגִיסְן דִי הֶענְט; דָאס דַארְף נִישְׁט זַיין בַּיים בֶּעט, אָבֶּער מֶען דַארְף זִיךְ וַואשְׁן מִיט אַ כְּלִי יֶעדֶע הַאנְט דְרֵיי מָאל.

דָאס אִיז וֶוען מֶען שְׁלָאפְט בַּייטָאג, אָבֶּער בַּיינַאכְט דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּצוּלֵייגְן נָאר אַז מֶען גְרֵייט זִיךְ אָן נֶעגְל וַואסֶער, כְּדֵי מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען אָפְּגִיסְן גְלַייךְ וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אוּן חַס וְשָׁלוֹם אַרָאפְּגֵיין פוּן בֶּעט מִיט טָמֵא׳נֶע הֶענְט.

וואויל אִיז דִי וָואס זֶענֶען שְׁטַארְק נִזְהָר אִין נֶעגְל וַואסֶער, בִּפְרַט אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן; וֶועלְן זֵיי בְּרֶענְגֶען קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה אִין שְׁטוּבּ.

...

### לֶערְן אַבִּיסְל חוּמָשׁ יֶעדְן טָאג מִיטְ׳ן תַּרְגּוּם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ב׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען אַ חֲתוּנָּה אִין יְשִׁיבָה, עֶס הָאט גֶעהַאט אַלֶע טַעֲמִים; עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע שִׂמְחָה. הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרִית אִין יְשִׁיבָה, בַּיי הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי ... נֵרוֹ יָאִיר. אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן נַאכְט נָאךְ אַ שִׁידוּךְ אִין יְשִׁיבָה, אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה מִיט אַ תַּלְמִידָה פוּן בֵּית פִיגָא. מָארְגְן נַאכְט וֶועט אוֹיךְ זַיין אַ חֲתוּנָּה אִין יְשִׁיבָה. עֶס גֵייט אָן שִׂמְחוֹת; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן.

אִיךְ הָאף מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף צוּצוּגֵיין צוּם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח מִיט נָאךְ אַפָּאר שִׁידוּכִים. אִיךְ ווִיל טוּן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעטוּן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זִיךְ גֶע'הַרְגְ'עֶט אוּן גֶע'שָׁחְטְ'ן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט, עֶר הָאט מִיטְגֶעהַאלְטְן אַלְס בָּחוּר ווִי הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי דָוִד יִצְחָק אַייזִיק מִסְקָאלְיֶע זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ טוֹבֵלְ'ט זִיךְ, עֶר הָאט גֶעהֶערְט ווִי עֶר שְׁרֵייט: "סְקִילָה! שְׂרֵפָה! הֶרֶג! חֶנֶק!" מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט נָאכְמַאכְן דִי תְּנוּעָה זַיינֶע ווִי אַזוֹי עֶר הָאט דָאס גֶעזָאגְט; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהֶערְט ווִי מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט דָאס, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען מִיט מַיינֶע אוֹיגְן ווִי מוֹהֲרָא"שׁ ווֶערְט פַארְשְׁטֵיינֶערְט, פַארְבְּרֶענְט, גֶע'הַרְגְ'עֶט אוּן דֶערְוָוארְגְן - פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער; עֶר הָאט גֶעמַאכְט שִׁידוּכִים ווֶען אַלֶע צֵייטוּנְגֶען הָאבְּן גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף אִים, מֶען הָאט אִים גֶעוָואלְט לֵייגְן אִין תְּפִיסָה; דָאךְ הָאט עֶר אַלֶעס גֶעטוּן אַרֵיינְצוּבְּרֶענְגֶען קְדוּשָּׁה אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן; הֵייבּ אָן סֵפֶר וַיִּקְרָא. נֶעכְטְן הָאבְּן מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ נֵייעֶ סֵפֶר; פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ יֶעדְן טָאג מִיטְ'ן תַּרְגּוּם? וָואס בְּלַייבְּט דֶען פוּנֶעם מֶענְטְשׁ? נָאר דָאס בִּיסְל תּוֹרָה, נָאר דָאס בִּיסְל חוּמָשׁ, מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַרֵיינְצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם יוֹם טוֹב דַארְף מֶען קֶענֶען דִי הֲלָכוֹת**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ב' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, תּוֹשְׁבֵי קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

הַיינְט ווֶעט זַיין אַ שִׁיעוּר כְּלָלִי פוּנֶעם דַיָּין שְׁלִיטָ"א, אִיךְ ווִיל אַז יֶעדֶער אֵיינֶער אָן אוֹיסְנַאם זָאל קוּמֶען צוּם שִׁיעוּר.

אָךְ אוּן ווַיי אַז מֶען גֵייט צוּ צוּם יוֹם טוֹב אָן ווִיסְן דִי הֲלָכוֹת; חֲכָמֵינוּ

זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, ה): "וְלֹא עַם הָאָרֶץ חָסִיד"; ווי קֶען מֶען אַרייַנְבְּרֶענְגֶען דֶעם יוֹם טוֹב אָן לֶערְנֶען דִי הֲלָכוֹת?!

נָאכְן שִׁיעוּר וֶועט מֶען קֶענֶען פַארְקוֹיפְן דִי חָמֵץ בַּיים דַיָּין שְׁלִיטָ"א.

אוֹיךְ זָאל מֶען שְׁטִיצְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר ... הָאט יֶעצְט גֶעעֶפְנְט דִי גְרָאסֶערִי אִין שְׁטֶעטְל, זָאל מֶען אַיינְקוֹיפְן בַּיי אִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה צוּ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן פְּחָדִים, אִיז חַזֶר'ן אֱמוּנָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ב' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה צוּ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן פְּחָדִים - אִיז חַזֶר'ן אֱמוּנָה; ווי מֶער מֶען חַזֶר'ט זִיךְ דִי פָּשׁוּטְ'ע אֱמוּנָה אַלְץ מֶער גֵייעֶן אַרוֹיס דִי פְּחָדִים.

חַזֶר'ט אַייךְ דִי פָּשׁוּטְ'ע אֱמוּנָה; זָאגְט פַאר זִיךְ: "קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט מִיר, עֶר הִיט מִיר, עֶר אִיז מִיט מִיר"; דָאס וֶועט אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אַייךְ אַייעֶרֶע פְּחָדִים.

זָאגְט אַבִּיסְל תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג; דָאס וֶועט זַיין אַ טוֹבָה פַאר אַייעֶר טַאטֶע'ס נְשָׁמָה. אוֹיךְ זָאלְט אִיר גֶעבְּן יֶעדְן טָאג אַפָּאר פְּרוּטוֹת פַאר צְדָקָה לְטוֹבַת נִשְׁמָתוֹ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי קָאמְפְּיוּטֶערְס זָאלְן זַיין גוּט גֶעפִּילְטֶערְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ג׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תְּחִיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זֵייעֶר גוּט אַז אִיר שְׁרַייבְּט מִיר וָואס טוּט זִיךְ אִין אָפִיס; אִיךְ גֵיי שׁוֹין הַיינְט טוּן אִין דֶעם, דִי קָאמְפְּיוּטֶערְס זָאלְן זַיין גוּט גֶעפִּילְטֶערְט.

שְׁרַייבְּט מִיר יֶעדֶע פְּרַט וָואס אִיר זֶעט אוּן אִיר טְרַאכְט אַז מֶען דַארְף פַארְרֶעכְטְן; אִיךְ ווִיל נִישְׁט בַּיי אוּנְזֶערֶע ד׳ אַמּוֹת זָאלְן זַיין מִכְשׁוֹלוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז הִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

...

## זֶע תֵּיכֶף וּמִיַּד אַרוֹיף צוּ לֵייגְן פִּילְטֶערְס אוֹיף דִי קָאמְפְּיוּטֶערְס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ג׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מֶען זָאגְט מִיר פוּן אָפִיס אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין פִּילְטֶער אוֹיף דִי קָאמְפְּיוּטֶערְס; אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן כַּמָּה פְּעָמִים אַז עֶס מוּז זַיין אַ שְׁטַארְקֶע פִּילְטֶער אִין אָפִיס, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ טוּן מַיין ווִילְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר נָאכְאַמָאל, זֶע תֵּיכֶף וּמִיַּד אַרוֹיף צוּ לֵייגְן פִּילְטֶערְס אוֹיף דִי קָאמְפְּיוּטֶערְס; סַיי אִין שְׁטֶעטְל אוּן סַיי אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג. אִיךְ ווִיל נִישְׁט בַּיי אוּנְז זָאל זַיין אָפֶענֶע אִינְטֶערְנֶעט, עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען מִכְשׁוֹלוֹת.

אַ פְלַאץ וואוּ עֶס אִיז דָא אַ דְּבַר עֶרְוָה גֵייט אַוֶועק דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה; דִי תּוֹרָה זָאגְט (דְּבָרִים כג, טו): "כִּי ה׳ אֱלֹקֶיךָ מִתְהַלֵּךְ בְּקֶרֶב מַחֲנֶךָ לְהַצִּילְךָ וְלָתֵת אֹיְבֶיךָ לְפָנֶיךָ, וְהָיָה מַחֲנֶיךָ קָדוֹשׁ, וְלֹא יִרְאֶה בְךָ עֶרְוַת דָּבָר, וְשָׁב מֵאַחֲרֶיךָ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "אִיר זָאלְט זִיךְ פִּירְן הֵיילִיג, ווַייל אוֹיבּ אִיר וֶועט

זִיךְ נִשְׁט פִּירְן בִּצְנִיעוּת וֶועל אִיךְ אַוֶועק גֵיין פוּן אַייךְ"; עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע דָּבָר עֶרְוָה וִוי הָאבְּן אָפֶענֶע אִינְטֶערְנֶעט רַחֲמָנָא לִצְלָן.

...

## אַז אֵיינֶער הָאט גֶעטוּן עֲבֵירוֹת, אִיז נָאכְנִישְׁט יֶעדֶער עֶרְלִיכֶער אִיד אַ מֶשְׁחָת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, ג' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין וַוייבּ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן זֵייעֶר שֵׁיינֶע זַאכְן פוּן דִיר; זִי זָאגְט אַז דוּ בִּיסְט אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ מִיט גוּטֶע נַאטוּרְן, זִי בֶּעט מִיר אִיךְ זָאל דִיר שְׁרַייבְּן אוֹיף דִי וֵוייטָאג וָואס דוּ הָאסְט וְכוּ' וְכוּ'.

בֶּאֱמֶת אִיז דָאס אֵיינֶע פוּן דִי גְרוֹיסֶע סִיבּוֹת פַארְוָואס מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַוֶועק פוּן דִי תּוֹרָה; בִּפְרַט יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן, בָּחוּרִים, וֶוען זֵיי דֶערְזֶעעֶן זִיךְ אַז דִי מֶענְטְשְׁן וֶועם זֵיי הָאבְּן שְׁטֶענְדִיג אַרוֹיפְגֶעקוּקְט, דִי וָואס דַארְפְן זֵיי לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת - דִי אַלֵיינְס זֶענֶען מְנֻוָלִים, דִי זֶענֶען מֶענְטְשְׁן וָואס טוּעֶן מַעֲשֶׂה תּוֹעֵבָה - דָאס צֶעשָׁאקְלְט זֵיי, בִּיז זֵיי לָאזְן אַלֶעס אָפּ; זֵיי קֶענֶען מֶער נִישְׁט מְקַבֵּל זַיין קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם, קַיין תּוֹרָה אוּן קַיין הַדְרָכָה - וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין נֶאֱמָנוּת אִין אַנְדֶערֶע, בִּיז זֵיי קוּקְן אָן יֶעדְן עֶרְלִיכֶער אִיד פַאר אַ מְנֻוָל, פַאר אַ מֶשְׁחָת.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, אַז דוּ הָאסְט זִיךְ יֶעצְט דֶערְוִויסְט פוּן דַיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער וָואס עֶנְקֶער טַאטֶע הָאט גֶעטוּן רַחֲמָנָא לִצְלָן, זָאלְסְטוּ נִישְׁט אָפְּלָאזְן אוּן אַוֶועק וַוארְפְן דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער; פַארְקֶערְט, דָאס דַארְף דִיר גֶעבְּן חִיזוּק אַז דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט הֶפְקֵר אוּן בַּיים סוֹף קוּמְט אַרוֹיס אַלֶע שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים.

מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז מֶען קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן, מֶען קֶען טוּן מַעֲשֶׂה נְבָלָה; אָבֶּער בַּיים סוֹף וֶוערְט מֶען פַארְשֶׁעמְט פַאר אַלֶעמֶען. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה ט, א): "הַנּוֹאֵף אוֹמֵר אֵין בְּרִיָּה יוֹדַעַת בִּי, לְפִי שֶׁכָּל

מַעֲשָׂיו אֵינָן אֶלָּא בַּחֹשֶׁךְ", דֶער זִינְדִיגֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט 'אִיךְ קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט וָואס אִיךְ טוּ', וָואס טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער? "וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְפַרְסְמָן בָּעוֹלָם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְשֶׁעמְט אִים אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, קוּק נִישְׁט אָן יֶעדְן אִיד מִיט אַ לַאנְגֶע בָּארְד אַז דֶער אִיז אַ מֻשְׁחָת. לֵיידֶער זֶענֶען דָא וָואס זֶענֶען נִישְׁט גֶעזוּנְט, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז עֶלְטֶערְן טוּעֶן מִיט דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ אוּן עֶס אִיז שְׁוֶוער נָאכְדֶעם אָנְצוּגֵיין מִיטְ'ן לֶעבְּן, בִּפְרַט דִי קִינְדֶער וָואס וֶוערְן בַּא'עַוְלְה'עֶט – דִי וֶוערְן חָרוּב פַאר דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן, אָבֶּער דָאס זָאגְט נִישְׁט אַז יֶעדֶער אִיד אִיז אַזוֹי; חַס וְשָׁלוֹם אַזוֹי צוּ זָאגְן אוּן אַזוֹי צוּ טְרַאכְטְן.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת. גֶעבּ אַ קוּק וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה; דוּ הָאסְט אַ וַוייבּ וָואס פַארְשְׁטֵייט דִיר, אַ וַוייבּ וָואס הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר. זִי בֶּעט מִיר אִיךְ זָאל דִיר שְׁרַייבְּן חִיזוּק וֶוערְטֶער, זִי דֶערְצֵיילְט מִיט אִיר הַארְץ אַלֶעס וָואס דוּ בִּיסְט אַרִיבֶּער, וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז דִיר אוּן וִוי שְׁטַארְק זִי ווִיל וַוייטֶער הַאלְטְן דִי שְׁטוּבּ מִיט דִיר, אִינְאֵיינֶעם אוֹיפְצִיעֶן דִי קִינְדֶער, אִינְאֵיינֶעם זֶען נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער אוּן פוּן דִי וַוייטֶערְדִיגֶע דוֹרוֹת.

אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן נָאךְ חִיזוּק; עֶס אִיז יֶעצְט עֶרֶב פֶּסַח, אִיךְ בִּין פַארְנוּמֶען הֶעלְפְּן אִין שְׁטוּבּ. אוֹיךְ הָאבְּן מִיר גֶעהַאט אַ קִינְד לְמַזָּל טוֹב, מַיין וַוייבּ אִיז הַיינְט אַהֵיים גֶעקוּמֶען פוּן זִיךְ אָפְּרוּעֶן, דַארְף אִיךְ מְקַצֵּר זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דוּרְךְ אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה קֶען מֶען זֶען וואוּנְדֶערְלִיכֶע**
**מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה, וואוּנְדֶערְלִיכֶע נִסִּים**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ד׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זַייעֶר זָאלְסְט הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ אוֹיסְרוֹימֶען דֶעם חָמֵץ; דֶער עִיקָר וָואס דִי וַוייבּ עֶרְוַוארְט פוּנֶעם מַאן אִיז דִי גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן דִי חִיזוּק, דִי אֶזֶן קַשֶּׁבֶת, אוֹיסְהֶערְן וָואס זִי קְרֶעכְצְט אוּן וָואס זִי זָאגְט.

בְּנוֹגֵעַ דִי גְרוֹיסֶע הוֹצָאוֹת יוֹם טוֹב; דוּ וֵוייסְט דִי מַעֲשֶׂה מִיט דִי מַאלְפֶּע, אַ אִיד הָאט גֶעהַאט אַ קְרֶעטְשְׁמֶע, דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין פַּרְנָסָה; זַיין פַּרְנָסָה אִיז גֶעוֶוען מִיט גְרוֹיס דוֹחַק, קוֹים וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט צוּ לֶעבְן. גֶעלְט הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט אָבֶער עֶר הָאט גֶעהַאט אַ זַאךְ וָואס אִיז מֶער פוּן גֶעלְט, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה; בַּיי אִים אִיז גֶעוֶוען זִיכֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעדַאֲגָה׳ט.

אֵיינְמָאל פְרֶעגְט אִים דֶער בַּעַל הַבַּיִת - דֶער פָּרִיץ: ״פוּן וואוּ וֶועסְטוּ הָאבְן גֶעלְט אוֹיף יוֹם טוֹב פֶּסַח? דוּ הָאסְט דָאךְ גָארְנִישְׁט!״ הָאט אִים דֶער אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל: ״דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיר נִישְׁט פַארְלָאזְן; עֶר גֶעט מִיר פַּרְנָסָה אַ גַאנְץ יָאר אוּן עֶר וֶועט מִיר נִישְׁט פַארְלָאזְן יֶעצְט פֶּסַח אוֹיךְ נִישְׁט״.

דֶער פָּרִיץ הָאט גֶעטְרַאכְט: ׳אִיךְ וֶועל וַוייזְן דֶעם אִיד, אִיךְ וֶועל זִיכֶער מַאכְן אַז עֶר אִיד זָאל זַיין צוּשַׁאנְד אוּן צוּשְׁפָּאט׳; דֶער פָּרִיץ הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט צֵיילְן זַיין גֶעלְט, עֶר הָאט גֶענוּמֶען יֶעדֶע רֶענְדְל אוּן גֶעקְלַאפְּט דֶערְמִיט אוֹיף זַיינֶע צֵיין צוּ הֶערְן פוּן דִי קוֹל אוֹיבּ עֶס אִיז עֶכְט גָאלְד אָדֶער פַאלְשׁ, דֶער פָּרִיץ הָאט גֶעהַאט אַ מַאלְפֶּע אוּן אַ מַאלְפֶּע מַאכְט דָאךְ אַלֶעס נָאךְ, וֶוען דֶער פָּרִיץ אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן שְׁטוּבּ הָאט דִי מַאלְפֶּע אָנְגֶעהוֹיבְּן עֶסְן דִי גָאלְדֶענֶע מַטְבֵּעוֹת בִּיז עֶס הָאט גֶע׳פֵּגְר׳ט, דֶער פָּרִיץ אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען צוּפְרִי אוּן גֶעזֶען אַז זַיין מַאלְפֶּע לִיגְט טוֹיט, עֶר הָאט זִיךְ זַייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט

און עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וֶועט טְשֶׁעפֶּען דֶעם אִיד דֶערְמִיט.

עֶר הָאט גֶענוּמֶען דִי טוֹיטֶע מַאלְפֶּע און גֶעהֵייסְן זַיין בַּאדִינֶער זָאל עֶס אַרַיינְוַוארְפְּן צוּם אִיד אִין שְׁטוּבּ. דֶער אִיד זִיצְט אִין זַיין שְׁטוּבּ, אִינְמִיטְן הֶערְט עֶר אַ קְרַאךְ, עֶר אִיז גֶעלָאפְן קוּקְן און זֶעט אַ טוֹיטֶע מַאלְפֶּע לִיגְט אוֹיף דֶער עֶרְד, עֶר הָאט גְלַייךְ דֶערְקֶענְט אַז דָאס אִיז דִי מַאלְפֶּע פוּנֶעם פָּרִיץ, הֵייבְּט עֶר עֶס אוֹיף אַרוֹיס צוּ טְרָאגְן און עֶר זֶעט וִוי עֶס פַאלְט אַרוֹיס פוּן דִי מַאלְפֶּע׳ס מוֹיל גָאלְדֶענֶע מַטְבֵּעוֹת, הָאט עֶר שׁוֹין גֶעהַאט אוֹיף יוֹם טוֹב.

פֶּסַח בַּיינַאכְט הָאט דֶער פָּרִיץ גֶעוָואלְט זֶען וָואס טוּט זִיךְ בַּיי דֶעם אִיד; אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען קוּקְן און גֶעזֶען וִוי דֶער אִיד זִיצְט וִוי אַ מֶלֶךְ מִיט זַיין וַוייבּ און קִינְדֶער בַּיים טִישׁ, הֶערְלִיךְ שֵׁיין, אַזוֹי וִוי אַלֶע אִידְן וָואס זֶעעֶן אוֹיס וִוי קֶענִיגְן פֶּסַח בַּיינַאכְט, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן, גֵייט עֶר אַרַיין און פְרֶעגְט דֶעם אִיד פוּן וואוּ עֶר הָאט דָאס אַלֶעס? דֶערְצֵיילְט אִים דֶער אִיד דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה; הָאט שׁוֹין דֶער פָּרִיץ גֶעמוּזְט מוֹדֶה זַיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַּרְנָסָה.

מֵיין נִישְׁט אַז הַיינְט אִיז נִישְׁטָא דִי מַעֲשִׂיוֹת, הַיינְט אִיז דָא דִי זֶעלְבֶּע מַעֲשִׂיוֹת; דִי וָואס הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה - דִי וֶועלְן דִיר דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה, מַעֲשִׂיוֹת פוּן נִיסִים, נָאךְ שֶׁענֶער פוּן דִי מַעֲשֶׂה.

אִיךְ אַלֵיינְס הָאבּ אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיךְ קֶען נָאכְנִישְׁט דֶערְצֵיילְן, וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט מִיר דִי וָואךְ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי גוּט צוּ מִיר, עֶר הֶעלְפְט מִיר מִיט יֶעדֶע זַאךְ; וִויפִיל אִיךְ וֶועל אִים דַאנְקֶען קֶען אִיךְ נִישְׁט אָנְקוּמֶען אִים צוּ דַאנְקֶען פַאר זַיינֶע גוּטְס וָואס עֶר טוּט מִיט מִיר. בְּעִיקָר אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נֵס אַז אִיךְ וֵוייס פוּן רֶבִּי׳ן, אִיךְ וֵוייס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אִיךְ שְׁפִּיר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִיךְ שְׁפִּיר דִי זִיסֶע אַיינְגֶענֶעמֶע טַעַם פוּן דִי לִיכְטִיגְקֵייט וָואס שַׁיינְט אוֹיף דִי וֶועלְט.

אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט עֶס אוֹיךְ שְׁפִּירְן, דוּ ווִילְסְט אוֹיךְ הָאבְּן דִי זִיסֶע טַעַם - נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי׳ן; גֵיי שְׁפַּאצִירְן מִיט׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעד זִיךְ אוֹיס צוּ אִים, שְׁמוּעֶס מִיט אִים, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר - וֶועט מְקוּיָם וֶוערְן וָואס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (וַיִּקְרָא כו, יב): "וְהִתְהַלַּכְתִּי

בְּתוֹכְכֶם, וְהָיִיתִי לָכֶם לֵאלֹקִים, וְאַתֶּם תִּהְיוּ לִי לְעָם", זָאגְט רַשִׁ"י: "אֲטַיֵּל עִמָּכֶם בְּגַן עֵדֶן כְּאֶחָד מִכֶּם", מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפַּאצִירְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיין אִין גַן עֵדֶן, עַיֵּין שָׁם; דָאס הֵייסְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אוֹיפְ'ן גַאס אוּן רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס אַלֶעס וָואס בַּאדֶערְט אִים - גֵייט עֶר אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ קֶען נִישְׁט וַוייטֶער שְׁרַייבְּן, אִיךְ דַארְף גֵיין הֶעלְפְן אִין שְׁטוּב אָנְגְרֵייטְן דֶעם יוֹם טוֹב; אוֹיךְ אִיז מַיין וַוייבּ נֶעכְטְן אַהֵיים גֶעקוּמֶען פוּן זִיךְ אָפְּרוּעֶן נָאכְן הָאבְּן דֶעם קִינְד, אִיךְ דַארְף אִיר הֶעלְפְן; אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֶעבּ דַיינֶע צְדָקוֹת פַאר דִי יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיר גֶעהָאלְפְן אוּן הֶעלְפְט דִיר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ד' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט גֶעבְּן דַיינֶע צְדָקוֹת פַאר דִי יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיר גֶעהָאלְפְן אוּן הֶעלְפְט דִיר; מִיר וַוארְטְן אוּן מִיר קוּקְן אַרוֹיס אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן הֶעלְפְן דִי מוֹסָד.

מִיר דַארְפְן יֶעצְט בַּאצָאלְן דִי מְלַמְדִים, טִיטְשֶׁערְס אוּן אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אִינֶעם מוֹסָד.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ הֶעלְפְן דִי גַבָּאִים וָואס דֶעקְן דִי חוֹדֶשׁ'לִיכֶע רֶענְט, אוֹיךְ הָאבְּן מִיר טֵייעֶרֶע חֲשׁוּבֶ'עֶ כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט; ווארויל אִיז דֶעם וָואס גֶעבְּט צְדָקָה, עֶר וֶועט גֶעבֶּענְטְשְׁט וֶוערְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אִיךְ זֶע אַז מֶען דַארְף הָאבְּן אַ זְכִיָּה צוּ גֶעבְּן צְדָקָה אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע פְּלַאץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דְרוּקְן דֶעם קוּנְטְרֵס "יֵשׁ בְּמִי לִבְחֹר"

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ד' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט גֵייט זַיין נָאכְאַמָאל בְּחִירוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט דְרוּקְן דֶעם קוּנְטְרֵס וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן: "יֵשׁ בְּמִי לִבְחֹר", אוּן דָאס פַּארְפְלֵייצְן ווִי מֶער דוּ קֶענְסְט.

לֵיידֶער מַעֲשֶׂה שָׂטָן הִצְלִיחַ, מֶען נֶעמְט אַ חֵלֶק מִיט דִי רְשָׁעִים - דִי עֵרֶב רַב, מֶען מַאכְט נָאךְ פוּן דֶעם אַ מִצְוָה, 'מִצְוָה לִשְׁמוֹעַ דִּבְרֵי חֲכָמִים'; דֶערִיבֶּער לִיגְט אוֹיף אוּנְז אַ חוֹבַת הַשָּׁעָה מִיר זָאלְן פַּארְפְלֵייצְן דִי קוּנְטְרֵסִים וָואס זֶענֶען מְגַלֶּה וּמְפַרְסֵם דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ שִׁיק דִיר דָא דֶעם קוּנְטְרֵס זָאלְסְט עֶס קֶענֶען דְרוּקְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## גֵייט נִישְׁט צוּ דִי בְּחִירוֹת, דֶער עִיקָר אִיז דֶער מַאן אוּן וַוייבּ זָאלְן שְׁטִימֶען

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ד' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ אַז מִיר וֵוייסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ דִי הֲכָנוֹת צוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח וֶוען מֶען וֵוייסְט פוּן

רֶבִּי'ן, אַלֶעס גֵייט צוּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע שִׂמְחָה, מֶען פְרֵיידְט זִיךְ צוּ רוּימֶען דֶעם חָמֵץ.

וֶוען אִיר רוּימְט אוֹיס דִי חָמֵץ זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חָמֵץ וָואס אִיז אִין הַארְצְן, דִי חָמֵץ וָואס לִיגְט אִין מֹחַ; דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן (בְּרָכוֹת יז.): 'שְׂאוֹר שֶׁבְּעִסָּה', מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן קֵיין שׁוּם קַשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

קַשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת אִיז אָסוּר - אֲפִילוּ בְּמַשֶׁהוּ; אֵיין פִּינְטֶעלֶע קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה אִיז שׁוֹין זֵייעֶר בִּיטֶער, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ה): "וְתַעֲשֶׂה מֵאוֹתִיּוֹת חָמֵץ מַצָּה, הַיְנוּ שֶׁלֹּא תַּחְמִיץ חָכְמָתְךָ", חָמֵץ אוּן מַצָּה הָאבְּן דִי זֶעלְבֶּע אוֹתִיּוֹת, בֵּיידֶע הָאבְּן אַ מ' אוּן אַ צ', דֶער גַאנְצֶער חִילוּק אִיז פוּן דֶעם אוֹת חֵי"ת אוּן דֶעם אוֹת הֵ"א וָואס מַאכְט אִינְגַאנְצְן אוֹיס אַ קְלֵיינֶע פִּינְטֶעלֶע, וַוייל אַז מֶען לֵייגְט צוּ אַ קְלֵיינֶע פִּינְטֶעלֶע צוּם אוֹת הֵ"א וֶוערְט דָאס אַ חֵי"ת; זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת אֲפִילוּ בְּמַשֶׁהוּ.

טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, וִויסְן זָאלְט אִיר אַז אָן תְּפִלָּה קֶען מֶען גָארְנִישְׁט; מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין נִזְהָר פוּן אַ מַשֶׁהוּ חָמֵץ, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אַרַיינְצוּגֵיין אִין יוֹם טוֹב מִיט שִׂמְחָה"**; נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין נִזְהָר פוּן חָמֵץ אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ יוֹם טוֹב.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק, רֶבִּי דָוִד מְמִיקוֹלֵייב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אַ תַּלְמִיד פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. עֶר הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען צוּ מַאכְן וֵויין פַאר זַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב, עֶר הָאט עֶס אַלֵיינְס גֶעמַאכְט מִיט אַלֶע חוּמְרוֹת, מִיט אַלֶע עִנְיָנִים אוּן מִיט אַלֶע בְּחִינוֹת וְכוּ' וְכוּ'. אוֹיפְ'ן וֶועג אַהֵיים הָאט מֶען אִים אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט בַּיי דִי גְרֶענִיץ אוּן דֶער וֶועכְטֶער הָאט גֶעעֶפְנְט דִי וֵויין אוּן עֶס מְטַמֵא גֶעוֶוען, עֶר הָאט עֶס גֶעמַאכְט יַיִן נֶסֶךְ. רֶבִּי דָוִד אִיז גֶעוָוארְן אוֹיסֶער זִיךְ, עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן פַארְוָואס דָאס הָאט פַּאסִירְט, עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט זַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פַארְוָואס דָאס הָאט פַּאסִירְט, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב

גֶעפְרֶעגְט: ״הָאסְטוּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אַלֶעס זָאל זִיךְ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן לְטוֹבָה?״ הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט פַארְ׳ן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אַז עֶר הָאט טַאקֶע אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט דָאס שְׁטֶענְדִיג חַזֶרְ׳ן מִיט אוּנְז, מִיר זָאלְן ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ; נָאר אַזוֹי הָאט מֶען הַצְלָחָה.

טַייעֶרֶע לִיבֶּע בְּרִידֶער, גֵייט מְזַכֶּה זַיין אַנְדֶערֶע זֵיי זָאלְן אוֹיךְ הָאבְּן וָואס מִיר הָאבְּן; זַייט עוֹסֵק אִין דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה פוּן מֵפִיץ זַיין. מִיר דַארְפְן גֶעבְּן אוּנְזֶער חַיִּים טוֹבִים פַאר אַנְדֶערֶע, מִיר קֶענֶען דָאס נִישְׁט הַאלְטְן בְּלוֹיז פַאר אוּנְז; מִיר דַארְפְן עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה, פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים ווִי מֶער. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ עֶס זָאל נִישְׁט גֵיין אוֹיפְ׳ן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי וַוייבּ; מֶען דַארְף יֶעצְט הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם יוֹם טוֹב, אָבֶּער אִין דִי זַייטִיגֶע צַייטְן דַארְף מֶען גֵיין מְזַכֶּה זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיךְ הָאבְּן דֶעם רֶבִּינְ׳ס הִתְחַזְקוּת.

יֶעצְט גֵייט זַיין נָאכְאַמָאל בְּחִירוֹת, דַארְף מֶען גֵיין פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר אַלֶעמֶען פַאר וֶועמֶען מִיר שְׁטִימֶען; מִיר שְׁטִימֶען פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר דַארְפְן פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר אַלֶעמֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ אִיז לִיגְנְט. נִישְׁט דֶער פַּארְטֵיי וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן אוּן נִישְׁט יֶענֶע פַּארְטֵיי וֶועט זַיין גוּט, אַלֶעס אִיז נַארִישְׁקֵייטְן; דִי אַלֶע פַּארְטֵייעֶן מֵיינֶען כָּבוֹד אוּן גֶעלְט, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין חֵלֶק אִין דִי זַאכְן, מִיר הָאבְּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אַנְדֶערֶע זָאגְן אוֹיךְ: ׳מִיר פָאלְגְן דַּעַת תּוֹרָה׳, אָבֶּער עֶס אִיז תּוֹרָא מִיט אַן אַלֶ״ף, ״וְאָתָא תּוֹרָא וְשָׁתָא לְמַיָּא״; עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי אָקְס אוּן אוֹיסְגֶעטְרִינְקֶען דִי וַואסֶער, דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (בָּבָא קַמָּא יז.): ״אֵין מַיִם אֶלָּא תּוֹרָה״, דִי תּוֹרָא טְרִינְקְט אוֹיס דִי אֱמֶתְ׳עֶ תּוֹרָה.

אִין שְׁטוּבּ זָאלְט אִיר זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען, מַאן אוּן וַוייבּ זָאלְן שְׁטִימֶען. אִין אִידִישׁ זָאגְט מֶען, וֶוען מֶען קוּמְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס: ״מִיר שְׁטִימֶען נִישְׁט״; וֶוען מַאן אוּן וַוייבּ קְרִיגְן זִיךְ זָאגְט מֶען אוֹיף זֵיי: ״זֵיי שְׁטִימֶען נִישְׁט?״ דִי זֶעלְבֶּע וָוארְט וָואס מֶען נוּצְט וֶוען מֶען זָאגְט: ״מִיר גֵייעֶן נִישְׁט צוּ דִי

בְּחִירוֹת"; בֶּעט אִיךְ אַייךְ, מִיר שְׁטִימֶען טַאקֶע נִישְׁט בַּיי דִי בְּחִירוֹת, אָבֶער אִין שְׁטוּבּ שְׁטִימֶען מִיר יָא; תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ גֶעבְּן זֵייעֶר אַכְטוּנְג צוּ שְׁטִימֶען אִין שְׁטוּבּ, זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן.

קוֹיפְט אַ שֵׁיינֶע זַאךְ פַאר דִי וַוייבּ לְכָבוֹד יוֹם טוֹב; גֶעבּ אִיר גֶעלְט מִיט אַ גוּט אוֹיג, מִיט דִי גַאנְצֶע הַארְץ. זָאג אִיר 'דָאס אִיז פַאר דִיר לְכָבוֹד יוֹם טוֹב', זִי זָאל זִיךְ קוֹיפְן וָואס אִיר הַארְץ בַּאגֶערְט. עֶס זָאל דִיר נִישְׁט אָנְגֵיין וָואס זִי קוֹיפְט, אַ פְּרוּי וִויל עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, זִי הָאט אִירֶע זַאכְן וָואס זִי דַארְף; זָאלְסְטוּ אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

דָא הָאט אִיר אַ תְּפִלָּה, אַ גֶעבֶּעט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, עֶס קוּמְט יֶעצְט דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח, אִיךְ פְּרוּבִּיר זִיךְ צוּצוּגְרֵייטְן צוּם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב, אִיךְ וֵוייס אָבֶער דֶעם אֱמֶת אַז אִיךְ אַלֵיין קֶען גָארְנִישְׁט טוּן, נָאר מִיט דַיין הִילְף וֶועל אִיךְ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ אַ שֵׁיינֶעם יוֹם טוֹב. הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל הָאבְּן גֶענוּג גֶעלְט צוּ קֶענֶען אַיינְקוֹיפְן אַלֶע גֶעבְּרוֹיכְן פוּן יוֹם טוֹב, אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען צוּשְׁטֶעלְן פַאר מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אַלֶעס וָואס זֵיי דַארְפְן הָאבְּן אוֹיף יוֹם טוֹב. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אַ זִיסֶע אוּן גֶעשְׁמַאקֶע טַעַם אִין דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב, אִיךְ זָאל נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ בְּמֶשֶׁךְ דֶעם גַאנְצְן פֶּסַח, אֲפִילוּ וֶוען זַאכְן וֶועלְן נִישְׁט גֵיין אַזוֹי וִוי אִיךְ ווִיל, אֲפִילוּ וֶוען זַאכְן וֶועלְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְאַרְבֶּעטְן אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ זִיךְ פָארְגֶעשְׁטֶעלְט, זָאל אִיךְ נִישְׁט וֶוערְן גֶערֶעגְט אוּן טְרוֹיעֶרִיג נָאר אִיךְ זָאל זִיךְ וַוייטֶער הַאלְטְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ. הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אַ פְרֵיילִיכֶע שְׁטִימוּנְג אִין מַיין שְׁטוּבּ, אִיךְ אַלֵיין זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן אִיךְ זָאל אוֹיךְ מַאכְן פְרֵיילִיךְ מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער. דִי שִׂמְחָה זָאל זִיךְ אִיבֶּערְגִיסְן פוּן מִיר אַזוֹי וַוייט אַז אֲפִילוּ וֶוער עֶס וֶועט נָאר שְׁטֵיין נֶעבְּן מִיר זָאל אוֹיךְ וֶוערְן פְרֵיילִיךְ.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ גֶעבּ אִיבֶּער מַיין גַאנְצֶע יוֹם טוֹב פֶּסַח פַאר דִיר, אִיךְ גֶעבּ זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער פַאר דִיר. הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט עֶסְן קַיין בְּרֶעקֶל חָמֵץ אוּן עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט גֶעפִינֶען אִין מַיין הוֹיז קַיין

מַשֶׁהוּ חָמֵץ אוּם פֶּסַח. הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דֶעם וָואס אִיךְ בִּין זוֹכֶה אוֹיסְצוּרֵייניגְן דֶעם חָמֵץ פוּן מַיין שְׁטוּבּ אוּן אִיךְ בִּין זוֹכֶה צוּ עֶסְן דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה. הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ דִי אַלֶע סְגוּלוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה, אַז דִי מַצָּה זָאל אוֹיסְוַואשְׁן מַיין הַארְץ, עֶס זָאל אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין מַיין הַארְץ אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אַז אִיךְ זָאל נָאר גְלֵייבְּן אִין דִיר מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ, אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם סְפֵיקוֹת אִין דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל וִויסְן אוּן גְלֵייבְּן מִיט אַ קְלָארְקֵייט אַז נָאר דוּ פִירְסְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דִיר. דִי מַצָּה זָאל זַיין צוּ מִיר פַאר אַ רְפוּאָה, עֶס זָאל מִיר אוֹיסְהֵיילְן פוּן אַלֶע סָארְט קְרֶענְק, סַיי פִיזִישֶׁע קְרֶענְק אוּן סַיי גֵייסְטִישֶׁע קְרֶענְק, עֶס זָאל מִיר אוֹיסְהֵיילְן בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן עֶס זָאל מִיר אוֹיסְהֵיילְן בְּרוּחָנִיּוּת.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אַז דִי שִׂמְחָה פוּן דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה אוּן פוּן אַלֶע מִצְוֹת פוּנֶעם יוֹם טוֹב זָאל מִיר בַּאגְלֵייטְן אוֹיךְ אוֹיף דִי גַאנְצֶע יָאר, אִיךְ זָאל אַ גַאנְץ יָאר זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶסְן נָאר מַצָּה אוּן נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם קַיין שׁוּם בְּרֶעקֶל חָמֵץ אוּם פֶּסַח. אוּן אַזוֹי זָאל אִיךְ זִיךְ שְׁטֶענְדִיג  נָאר פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס אִיךְ טוּ, מִיט יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ טוּ, אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ קוּק זִיךְ אָן אוּן אִיךְ זֶע אַז אִיךְ בִּין אַזוֹי וַוייט פוּן דִיר, אוּן דֶער יֵצֶר הָרַע וִויל אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין מִיר אַ צֶעבְּרָאכְנְקֵייט אוּן עַצְבוּת, זָאל אִיךְ זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְפִירְן פוּן אִים, נָאר אִיךְ זָאל זִיךְ וַוייטֶער הַאלְטְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטֶע חֲלָקִים וָואס אִיךְ הָאבּ, אוּן דוּרְךְ דֶעם זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אֱמֶתְ'דִיג נָאנְט צוּ דִיר.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער! אִיךְ וִויל אוֹיךְ אַרוֹיסְגֵיין פוּן מִצְרַיִם! אַזוֹי וִוי דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְשְׁקְלַאפְט אִין מִצְרַיִם אוּנְטֶער דֶעם שְׁוֶוערְן יָאךְ פוּן פַּרְעֹה אוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִצְרִיִּים, דִי זֶעלְבֶּע בִּין אִיךְ אוֹיךְ פַארְשְׁקְלַאפְט אוּנְטֶער מַיין שְׁוֶוערֶע יֵצֶר הָרַע אוּן אוּנְטֶער מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת, אוּן אִיךְ זֶע נִישְׁט דֶעם וֶועג אַרוֹיס פוּן מַיין אֵייגֶענֶע שְׁוֶוערֶע גָלוּת. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, מַיינֶע אוֹיגְן זֶענֶען נִישְׁט גוּט, זֵיי ווִילְן נָאר קוּקְן אוֹיף זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, אוּן זֵיי ווִילְן נִישְׁט קוּקְן

צו דיר. מַיינֶע אויעֶרן ווילן נָאר הֶערן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן און זֵיי ווִילְן זיך נִישְׁט צוהֶערן צו דִי קול פון די צַדִיקִים וֶועלְכֶע ווילְן מִיר מְקָרֵב זַיין צום אֵייבֶּערְשְׁטְן. מַיין נָאז טויג אויך נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ אַזַא שְׁטַארְקֶע "חֲרוֹן אַף", יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי ווִי אִיךְ ווִיל, נֶעמְט מִיךְ מַמָּשׁ אַרויס פון די כֵּלִים און אִיךְ וֶוער אַזוֹי שְׁנֶעל אויפְגֶערֶעגְט. מַיין מויל אִיז מַמָּשׁ ווִי פַארְשְׁלָאסְן וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רֶעדְן צוּ דִיר און וֶוען עֶס קוּמְט צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַנְשְׁטָאט אִיךְ זָאל אויסְנוּצְן מַיין מויל ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אַנְשְׁטָאט אִיךְ זָאל אויסְנוּצְן די גֶעוַואלְדִיגֶע גְרויסֶע כּוֹחוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ אִין מַיין מויל, וֶוען אִיךְ זָאל זִיךְ אויסְרֶעדְן מַיין גַאנְצֶע הַארְץ פַאר דִיר יֶעדְן טָאג, וֶוען אִיךְ זָאל זִיךְ אויסְבֶּעטְן בַּיי דִיר אַלֶעס וָואס אִיךְ דַארְף, וָואלְט אִיךְ שׁוֹין לַאנְג גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן און אַרויסְגֶעקְרָאכְן פון אַלֶע מַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען; וֶוען אִיךְ זָאל וֶוען נוּצְן מַיין מויל צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פון דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וָואלְט דִי תּוֹרָה מִיךְ שׁוֹין לַאנְג גֶעמַאכְט פְרֵייליךְ און מִיךְ בַּארוּאִיגְט פון אַלֶע מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת און שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת; אַנְשְׁטָאט דֶעם נוּץ אִיךְ מַיין מויל נָאר צוּ רֶעדְן נַארִישְׁקֵייטְן און זַאכְן וָואס דוּ לָאזְט נִישְׁט רֶעדְן, און דָאס בְּרֶענְגְט אויף מִיר נָאךְ פִיל מֶער צָרוֹת און פְּרָאבְּלֶעמֶען. מַיין מֹחַ אִיז אִינְגַאנְצְן פַארְדְרֵייט, אִיךְ טְרַאכְט נָאר פון אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן און עֲבֵירוֹת, מַיין מֹחַ אִיז פול מִיט אַלֶע סָארְט פְּחָדִים, אִיךְ טְרַאכְט נָאר וָואס אַ צְוֵוייטֶער וֶועט זָאגְן אויף מִיר, און מַיין מֹחַ אִיז פַארְדְרֵייט מִיט אַלֶע סָארְט גֵייסְטִישֶׁע קְרֶענְק און שְׁוֶועריִקֵייטְן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, שִׁיק מִיר שׁוֹין משֶׁה רַבֵּינוּ, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין טְרֶעפְן דֶעם אֱמֶת'ן צַדִיק אַזוֹי ווִי משֶׁה רַבֵּינוּ וָואס הָאט דֶעם כֹּחַ מִיר אַרויסְצוּנֶעמֶען פון מַיין שְׁוֶוערֶע גָלוּת מִצְרַיִם, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זִיךְ צוּהֶערְן צום קול פון דֶעם צַדִיק, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל פָאלְגְן דִי אַלֶע עֵצוֹת פונֶעם צַדִיק, און דורְךְ דֶעם וֶועל אִיךְ אַרויסְגֵיין פון מַיין אֵייגֶענֶע גָלוּת, אִיךְ וֶועל אֱמֶת'דִיג שְׁפִּירְן דֶעם "כְּאִילוּ הוּא יָצָא מִמִּצְרַיִם", אִיךְ וֶועל קֶענֶען אַרויסְגֵיין פון מַיין מִצְרַיִם, און דַאן וֶועל אִיךְ קֶענֶען זִינְגֶען שִׁירָה פַאר דִיר, און דִיר דַאנְקֶען פַאר דִי גְרויסֶע נִסִּים וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן מִיט מִיר".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## דֶער וָואס הָאט גֶעדוּלְד - דֶער אִיז גֶעבֶּענְטְשְׁט

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, ה' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

נָאךְ אַבִּיסְל גֵייעֶן מִיר עֶסְן דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה, מַצָּה בְּרֶענְגְט אֱמוּנָה; דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (פַּרְשַׁת בֹּא מא.): מַצָּה אִיז "מֵיכְלָא דִמְהֵימְנוּתָא" - עֶסְן וָואס בְּרֶענְגְט אֱמוּנָה, עֶסְן וָואס גֶעבְּט אַ רְפוּאָה (זוֹהַר פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, קפג:). דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה גֶעבְּט אֱמוּנָה, עֶס לַייטֶערְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַז מֶען לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע צַייטְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, יֶעצְט אִין דִי צַייטְן וָואס מֶען רוֹימְט דִי חָמֵץ; דִי וַוייבֶּער זֶענֶען זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, זֵיי זֶענֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַאר דִי הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב - זָאלְסְטוּ אִיר הֶעלְפְן. אוּן אוֹיבּ מֶען זָאגְט דִיר אַ וָוארְט, זָאלְסְטוּ עֶס נִישְׁט אָנֶעמֶען פַאר שְׁלֶעכְטְס, זָאלְסְט דַן זַיין לְכַף זְכוּת - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ שֵׁיינֶע יוֹם טוֹב.

אִין שְׁטוּבּ דַארְף מֶען הָאבְּן אַייזֶערְנֶע נֶערְוֶועְן; עֶס קֶען נִישְׁט זַיין שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ נָאר אוֹיבּ דוּ וֶועסְט הָאבְּן דִי גָאלְדֶענֶע מִדָּה פוּן סַבְלָנוּת. דֶער וָואס הָאט גֶעדוּלְד - דֶער אִיז גֶעבֶּענְטְשְׁט; מֶען קֶען דוּרְכְגֵיין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאכְן אִין לֶעבְּן - אוֹיבּ מֶען הָאט סַבְלָנוּת.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (כּוֹכְבֵי אוֹר, סִיפּוּרִים נִפְלָאִים): עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גוֹי וָואס הָאט זִיךְ גֶעדְרֵיידְט מִיט אָרֶעמֶעלַייט אוּן עֶר הָאט גֶעהֶערְט וִוי דִי אִידְן שְׁמוּעֶסְן צְוִוישְׁן זִיךְ אַז נָאךְ אַבִּיסְל קוּמְט שׁוֹין דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח; עֶר הָאט

זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְט וָואס אִיז דָאס ׳פֶּסַח׳, הָאט מֶען אִים דֶערְצֵיילְט וִוי שֵׁיין דֶער יוֹם טוֹב אִיז; מֶען פְּרַאוֶועט אַ סֵדֶר אוּן אַלֶע אִידְן – אֲפִילוּ אָרֶעמֶעלַייט – עֶסְן אַ גֶעשְׁמַאקֶע רַייכֶע סְעוּדָה; מֶען זִיצְט בַּיים טִישׁ וִוי קֶענִיגְן, מֶען עֶסְט, מֶען טְרִינְקְט אוּן מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ. דִי אָרֶעמֶעלַייט הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט אַז עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ פַאסְטְן אַפָּאר טֶעג פַאר יוֹם טוֹב כְּדֵי מֶען זָאל זַיין גוּט הוּנְגֶערִיג צוּם סֵדֶר, דֶער גוֹי הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: ׳אִיךְ מוּז דָאס אוֹיסְפְּרוּבִּירְן; אִיךְ וֶועל זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְן וִוי אַ אִיד אַז אִיךְ זָאל כָאטְשׁ אֵיין מָאל אִין לֶעבְּן הָאבְּן אַ גוּטֶע סְעוּדָה׳.

פֶּסַח בַּיינַאכְט הָאט זִיךְ דֶער גוֹי אַיינְגֶעלַאדְנְט בַּיי אַ אִיד צוּם סֵדֶר, עֶנְדְלִיךְ הֵייבְּט מֶען שׁוֹין אָן, עֶר זִיצְט בַּיים סֵדֶר אוּן עֶר וַוארְט צוּ עֶסְן דִי פֵיינֶע שֵׁיינֶע סְעוּדָה. וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מָרוֹר אוּן עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן זַיין הוּנְגֶער, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ אַז מֶען הָאט אִים דָא זִיכֶער אוֹיסְגֶעשְׁפִּילְט, וַוייל עֶר וַוארְט אַזוֹי לַאנְג אוֹיף דִי סְעוּדָה אוּן מֶען דְרֵיידְט אַרוּם מִיט אִים, הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן אַנְטְלָאפְן.

שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן זַיינֶע פְּרַיינְט אוּן זֵיי דֶערְצֵיילְט אַז מֶען הָאט אִים גֶעלָאזְט אוֹיסְהוּנְגֶערְן בִּיז מֶען הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַ שַׁארְפֶע עֶסְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, הָאבְּן זֵיי אִים גֶעזָאגְט: ״פַארְוָואס בִּיסְטוּ אַנְטְלָאפְן פַאר שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ? וֶוען דוּ וַוארְטְסְט וֶוען אוֹיס נָאךְ אַבִּיסְל – וָואלְסְטוּ גֶעהַאט אַ הֶערְלִיכֶע סְעוּדָה״.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען מוּז הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, מִיט אֱמוּנָה קֶען מֶען הָאבְּן סַבְלָנוּת; דֶער וָואס גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס, טוּט אַלֶעס, אִיז אַלֶעס – דֶער הָאט גֶעדוּלְד, עֶר וַוארְט אוֹיף דִי יְשׁוּעָה, וִוידֶערְאוּם, אָן אֱמוּנָה הָאט מֶען נִישְׁט קַיין סַבְלָנוּת, אָן אֱמוּנָה אִיז מֶען טָאג אוּן נַאכְט כַּעֲסִ׳יג.

אִיךְ בִּין שׁוֹין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ פַארְ׳ן יוֹם טוֹב.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין, אִיךְ דַארְף הֶעלְפְן אִין שְׁטוּב מַאכְן פֶּסַח.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:):

״וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים״; און צוּ (מִיכָה ז, טו): ״כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת״, אָמֵן.

...

בעזהשי"ת

# אשר בנחל אידיש
## חלק ב'
הערליך איבערגעדרוקט




☎ 718-387-2691 ext. 2
✉ office@kerenhadfusa.org

**בלויז $13**
**Free Delivery!**

## וָואס זָאגְט מֶען אִין הִימֶל אוֹיף מִיר?!

וָואס וֵויינְט עֶר אַזוֹי שְׁטַארְק? בַּיי וֶועלְכֶע שְׁטִיקְל הַגָּדָה הַאלְט עֶר יֶעצְט?

לָאמִיר אַרַיינְגֵיין שְׁטִילֶערְהֵייט עֶר זָאל נִישְׁט בַּאמֶערְקְן, אֶפְשָׁר וֶועלְן מִיר קֶענֶען זֶען וָואס דֶער אִיד וֵויינְט אַזוֹי שְׁטַארְק.

קִינְדֶער, אִיר וֵוייסְט דָאךְ אַלֶע, פֶּסַח בַּיינַאכְט אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע צַייט; דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים הָאבְּן גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע עֲבוֹדָה צוּ זֶען וִוי אַזוֹי פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן רֶעכְטְן אָפּ דֶעם הֵיילִיגְן סֵדֶר, זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט הוֹיכֶע כַּוָונוֹת דֶערְבֵּיי.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט, אַמָאל הָאט אַ צַדִיק גֶעזֶען וִוי אַזוֹי אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד וֵויינְט זֵייעֶר שְׁטַארְק, אִיז עֶר שְׁטִילֶערְהֵייט אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין שְׁטוּבּ פוּן דֶעם אִיד, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נֵייגֶערִיג צוּ זֶען וָואס דֶער אִיד וֵויינְט אַזוֹי שְׁטַארְק, הָאט עֶר גֶעזֶען וִוי דֶער אִיד וֵויינְט בַּיי דִי וֶוערְטֶער: "תָּם מָה הוּא אוֹמֵר", "תָּם מָה הוּא אוֹמֵר", דֶער אִיד הָאט

גֶעוויינְט און גֶעוויזְן מִיטְ׳ן פִינְגֶער צוּם הִימְל: ״תָּם מָה הוּא אוֹמֵר״, ״תָּם מָה הוּא אוֹמֵר״; דֶער צַדִיק הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס אִיז דָא צוּ וֵויינֶען, דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער וָואס מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער וָואס מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; ״תָּם מָה הוּא אוֹמֵר״, דֶער בַּעַל הַגָּדָה זָאגְט: ״וָואס זָאגְט דֶער תַּם?״ – וָואס אִיז דָא צוּ וֵויינֶען?!




וואס וויינט ער אזוי?!

דֶער צַדִיק גֵייט צוּם אִיד אוּן זָאגְט אִים: ״אַנְטְשׁוּלְדִיגְט אַז אִיךְ הַאק אִיבֶּער, אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ זֵייעֶר, וָואס וֵויינְט אִיר?

וָואס הָאט אִיר דָא אִינְזִין?" זָאגְט דֶער אִיד פַאר'ן צַדִּיק: "אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס טוּט זִיךְ דָא, אִיךְ זֶע אִין דִי הַגָּדָה אַז דֶער חָכָם זָאגְט עֶפֶּעס אוּן דֶער רָשָׁע זָאגְט עֶפֶּעס, מִיר גֵייט נִישְׁט אָן וָואס דִי אַלֶע הָאבְּן צוּ זָאגְן אוֹיף מִיר, מִיר אִינְטֶערֶעסִירְט נָאר וָואס מֶען זָאגְט אִין הִימְל אוֹיף מִיר"; דֶער אִיד פַארְמַאכְט דִי אוֹיגְן אוּן הֵייבְּט אָן וַוייטֶער צוּ וַויינֶען: "תָּם מָה הוּא אוֹמֵר", 'תָּם' אִיז אִין פּוֹילִיש 'דָארְט', עֶר וַוייזְט דֶעם פִינְגֶער צוּם הִימְל אוּן זָאגְט: "תָּם מָה הוּא אוֹמֵר" וָואס זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיף מִיר?

מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה; מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעוָואלְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז מִיר זָאלְן נָאכְמַאכְן דֶעם "תָּם", עֶס זָאל אוּנְז גָארְנִישְׁט אָנְגֵיין, עֶס זָאל אוּנְז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס דֶער חָכָם זָאגְט, וָואס דֶער רָשָׁע זָאגְט; מִיר זָאלְן נָאר לֶעבְּן מִיט "תָּם מָה הוּא אוֹמַר", וָואס זָאגְט מֶען אִין הִימְל אוֹיף מִיר?

קִינְדֶער, לָאמִיר זִינְגֶען אַלֶע אִינְאֵיינֶעם: "אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט, אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט, אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט - אִיךְ ווִיל גָארְנִישְׁט, נָאר דִיר זִיסֶער בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיינְס".

# כָּשֵׁר'עֶ וַואסֶער אוֹיף פֶּסַח

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, וֶוער וֵוייסְט...?! וֶוער וֵוייסְט וָואס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט? דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ וָואס מֶען קֶען טוּן - אִיז טוּן מִצְווֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן.

מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז מֶען דַארְף זוּכְן עֶפֶּעס מֶער פוּן דֶעם, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט אַז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ אִיז טוּן דִי מִצְווֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן טוּן - מִיט שִׂמְחָה.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען יוּנְג הָאט עֶר גֶעהַאט אַסַאךְ חוּמְרוֹת, עֶר הָאט דֶעמָאלְט נָאכְנִישְׁט גֶעוְוּיסְט אַז חוּמְרוֹת אִיז נִישְׁט גוּט. עֶר אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק אַרַיין אִין דִי חוּמְרוֹת, בִּיז אֵיין יָאר פַאר פֶּסַח הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, פוּן וואוּ וֶועט עֶר הָאבְן וַואסֶער אוֹיף יוֹם טוֹב פֶּסַח? עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶר קֶען נִישְׁט נֶעמֶען וַואסֶער פוּן וואוּ אַלֶע נֶעמֶען, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז נָאר קְוָואל וַואסֶער אִיז גוּט פַאר פֶּסַח, דָאס אִיז דִי מֶערְסְטֶע אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם.

אָבֶּער דָארְט וואוּ דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוואוֹינְט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין קְוַואל וַואסֶער. דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוְוּיסְט וָואס צוּ טוּן, פוּן וואוּ וֶועט עֶר הָאבְן וַואסֶער אוֹיף יוֹם טוֹב?! הָאט דֶער רֶבִּי גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וֶועט דַארְפְן אַוֶועק פָארְן אוֹיף יוֹם טוֹב פֶּסַח צוּ אַן אַנְדֶערֶע שְׁטָאט; אַזוֹי שְׁטַארְק אִיז עֶר

אַרַיין אִין דִי חוּמְרוֹת.




קוואל וואסער איז די מערסטע אפגעהיטן

׳אָבֶער יֶעצְט׳, זָאגְט דֶער רֶבִּי - ׳וֵוייס אִיךְ אַז חוּמְרוֹת אִיז נִישְׁט גוּט, אִיךְ וֵוייס אַז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ אִיז טוּן דִי מִצְווֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ שִׂמְחָה, זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם אַז מֶען עֶסְט נִישְׁט קַיין חָמֵץ, זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם אַז מֶען עֶסְט דִי הֵיילִיגֶע מַצָה מִיט דִי אַלֶע מִצְווֹת וָואס מִיר טוּעֶן״.

חשוב׳ע טייערע קינדער שיחיו !

דער גליקליכער געווינער פון חודש ניסן, הילד החשוב כמר אהרן הכהן פריעדמאן נרו יאיר פון כתה ד׳ אין תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב ליבערטי האט אויסגעוועלט צו באקומען דעם הייליגן ספר ״עצתו אמונה״, אריינגעשריבן זיין נאמען דורך דעם ראש ישיבה שליט״א.

דער ראש ישיבה שליט״א האט אים אריינגעשריבן :

בס״ד

לכבוד אהרן הכהן,

זע צו לערנען פלייסיג, וועסטו זיין א גרויסער צדיק.





די קומענדיגע גורל וועט מיט׳ן אייבערשטנ׳ס הילף פארקומען מאנטאג פרשת תזריע מצורע, ראש חודש אייר.

געדענקט, מיט יעדע מעסידזש וואס מען שיקט אריין גייט מען נאכאמאל אריין אינעם גורל !

כאפטס אריין ! דו קענסט זיין דער גליקליכער געווינער !

די נומער וואו מען קען דערוייל לאזן מעסידזשעס איז:

718-387-2691 – אפציע 6, די קינדער וואס לערנען אין די היכל הקודש ברסלב תלמוד תורה קענען דאס איבערגעבן פאר זייער מלמד שליט"א, אדער קען מען דאס שיקן אויף פאסט צום אדרעסס:

Keren Hadfusa of Breslev 27 Skillman Street Brooklyn NY 11205

אזוי אויך קען דאס ווערן געשיקט דורך די עלטערן צום אימעיל אדרעסס: info@kerenhadfusa.org

א חלק פון די הערליכע מעסידזשעס וואס די חשוב'ע קינדער שיחיו האבן אריינגעשיקט:

**"איך האב זיך ארויסגעלערנט פון עצתו אמונה פאר קינדער, אז ס'איז זייער א גרויסע מצוה צו גיין צו א ציון פון א צדיק און זיך אויסבעטן אלעס גוטס, אויך אז מ'דארף גיין אין מקוה אפילו ווען ס'איז קאלט און אפילו ווען מ'איז נאך קליין, אויך אז מ'דארף רעדן צו די הייליגע באשעפער".**

בערל יאקאבאוויטש, תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב, ליבערטי, כתה ד', אצל המלמד הר"ר ישראל יוסף שניצלער שליט"א

**"איך האב זיך ארויסגעלערנט פון עצתו אמונה פאר קינדער אז מ'דארף נאר בעטן דעם אייבערשטן".**

נחמן שמחה אפפלבוים, לעיקוואד

**"איך האב זיך ארויסגעלערנט פון עצתו אמונה אז וואס מ'דארף זאל מען בעטן דעם אייבערשטן"**

מענדי מענדלאוויטש, תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב, ליבערטי, כתה ד', אצל המלמד הר"ר ישראל יוסף שניצלער שליט"א

**"איך האב די מערסטע הנאה געהאט פון די מעשה, אז ווען דער רבי איז געווען א קליין קינד האט ער זייער אסאך גערעדט צום אייבערשטן, ער פלעגט גיין אליינס צו די קבר פון די הייליגע בעל שם**

**טוב זכותו יגן עלינו און דארט געוויינט צום אייבערשטן ער זאל זיין א צדיק; פון דעם האב איך זיך געלערנט אז אויב איינער בעט צו זיין א צדיק וועט ער צום סוף ווערן א צדיק״.**

אבא ראובן שרייבער, אנטווערפן

**״איך האב זיך ארויסגעלערנט פון עצתו אמונה אז אפילו מ׳לייגט נאר איין פעני פאר צדקה ווערט מען אויך א צדיק״.**

נחמן נתן וויינבערג, תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב, ליבערטי, כתה ד׳, אצל המלמד הר״ר ישראל יוסף שניצלער שליט״א

# קינדער ווינקל

## העלף נחמן נתן אנקומען אינמיטן פון די מצה

אנהייב




## טרעף צו וואס דא שטייט

**תפמו וחס פפזנ עממט תשזג פפמ טזינ יזט קזי וחס תכממטח?**

א = ת   ב = ש   ג = ר   ד = ק   ה = צ   ו = פ   ז = ע   ח = ס

ט = נ   י = מ   כ = ל   ל = כ   מ = י   נ = ט   ס = ח   ע = ז

פ = ו   צ = ה   ק = ד   ר = ג   ש = ב   ת = א

**גבוה אאאבזבגטזב אז דו האוט דאב גזגזבז אזא גאאהז גזבז טאטז אאה דאהא דאב אוז אאה גואב דאב חאב אגזו גוטו וואו דו טווט דאט דאב**

א = י　ב = כ　ג = ל　ד = מ　ה = נ　ו = ס　ז = ע　ח = פ
ט = צ　י = ק　כ = ר　ל = ש　מ = ת　נ = ך　ס = ם　ע = ן
פ = ף　צ = ץ　ק = א　ר = ב　ש = ג　ת = ד　ך = ה　ם = ו
ן = ז　ף = ח　ץ = ט

## וויפיל מאל קענסטו טרעפן אין דעם פאזל די ווערטער ״א מחי׳ פסח״?

(עס שטייט אויף אלע מיני וועגן, אויך אריין איינס אין די אנדערע; עס קומט אן א ספעיס צווישן די ווערטער)

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| י | ד | ק | א | ח | ש | ס | ז | ס | ח | ג | ר | א | ו | ע | ג | צ | י | י | א | ל | י | כ | פ | ח | י | ס | ס | ע | נ |
| ק | כ | ז | נ | מ | ד | ב | ד | ת | ו | ד | ס | מ | ל | ו | ג | ק | ש | מ | מ | מ | נ | א | ס | י | ט | נ | ת | י | ד |
| ש | ט | ק | ז | ג | ח | ל | ג | ש | כ | א | ב | ח | ס | פ | ה | י | ח | מ | א | ו | ח | פ | כ | ג | כ | ג | ו | ת | ת |
| ז | ת | ז | ו | ר | ת | י | ר | ג | מ | ק | ב | י | נ | ר | ו | ס | ב | ג | א | א | ה | י | ת | צ | ס | ו | פ | י | ת |
| כ | ז | ד | ה | ד | י | ס | ה | ח | צ | פ | פ | ה | ה | ת | פ | נ | ס | ל | מ | י | א | כ | ה | ט | פ | כ | ג | צ | ב |
| א | ע | ל | ד | י | ת | פ | י | פ | ע | י | ג | פ | ש | ה | מ | י | ח | מ | ח | פ | ה | ק | כ | פ | ג | ת | ה | ק | ז |
| ב | ר | פ | ל | ו | ק | ה | נ | פ | ס | נ | צ | ס | י | ט | ע | ס | ה | מ | י | ב | ב | י | ז | א | ס | ש | א | מ | ב |
| א | מ | ח | י | ה | פ | ס | ח | ת | מ | ח | כ | ח | ד | ח | פ | פ | א | א | ה | ו | ה | ת | ח | מ | ת | ח | מ | ק | ש |
| ח | ש | ל | ט | ס | י | ת | ח | צ | ד | צ | מ | ד | א | ה | ג | ב | ה | ר | פ | ר | צ | ש | פ | ח | ת | ט | צ | ק | ש |
| ס | ז | ב | ח | ד | פ | ש | נ | ב | ט | א | י | ר | י | מ | מ | ו | י | ש | ס | ח | ח | ה | י | י | פ | ט | פ | א | ה |
| פ | ת | כ | מ | ק | א | מ | ח | י | ה | פ | ס | ח | מ | ק | ח | ר | צ | ו | ח | י | כ | ד | ק | ה | ט | ד | ת | כ | ח |
| ה | א | מ | ח | י | ה | פ | ס | ח | ס | ז | מ | ג | ל | ח | ג | י | ע | ס | ע | צ | ח | נ | נ | פ | ה | ש | ו | ס | ת |
| י | ע | ר | ט | ח | א | ד | ח | ו | ר | א | א | ח | א | ס | פ | ק | ה | מ | פ | צ | ת | ס | ק | ס | ס | ה | פ | ע | נ |
| ח | ס | מ | א | א | מ | ס | ט | ב | נ | ס | ע | מ | מ | פ | ת | ה | א | פ | ע | נ | ט | א | פ | ח | ש | ה | י | ב | י |
| מ | י | ר | ג | ז | פ | א | מ | ח | י | ה | פ | ס | ח | ה | ו | נ | ט | מ | ס | ו | נ | ו | מ | ה | י | ס | ר | כ | ד |
| א | ט | ט | מ | ה | ש | מ | א | א | ה | ג | י | מ | י | י | ט | כ | ק | ש | ו | ח | ד | ק | י | ח | י | ד | נ | ס | ח |
| פ | ת | ד | י | י | ק | ח | ו | מ | מ | ת | א | כ | ה | ח | ה | ו | ע | ק | ס | כ | ה | ס | מ | ק | י | ח | ש | ש | ס |
| ע | ה | ח | מ | א | ח | י | ע | ה | ר | ח | מ | ש | פ | מ | ק | פ | ת | ט | ש | ר | י | א | ר | ה | א | ה | מ | י | פ |
| פ | מ | א | כ | מ | ס | ה | ל | כ | ט | ע | י | ח | ס | א | ע | ט | ס | פ | א | מ | ח | י | ה | פ | ס | ח | פ | א | ה |
| א | א | י | ש | ח | פ | פ | ח | ס | צ | ד | ס | ה | ח | ז | ו | פ | ז | ח | צ | ס | ז | א | ל | א | ו | ז | ט | ס | י |
| מ | ב | מ | צ | י | ה | ס | נ | ע | ב | פ | י | ד | פ | ס | ר | י | ד | ה | פ | י | ו | מ | מ | ד | ע | ז | ע | פ | ח |
| א | ג | ש | ת | ה | י | ח | ס | ר | ה | י | ח | ק | פ | ס | כ | ג | ע | ה | י | ל | ס | ז | ד | ח | י | פ | ל | ס | מ |
| נ | מ | ל | ג | פ | ח | ל | א | י | כ | א | כ | ז | ג | א | ח | ל | י | ד | מ | ח | ט | ר | ו | א | י | י | ט | ח | א |
| ז | ג | ח | ש | ס | מ | א | ח | ס | ח | פ | מ | כ | ו | ר | נ | ח | ש | א | א | ה | ק | ט | פ | מ | מ | ה | ה | ק | ע |
| ח | ת | ט | י | ח | א | מ | ז | מ | א | א | ש | ח | ס | צ | מ | ג | מ | ר | ו | ב | ל | ח | ש | ח | ת | ס | פ | ע | ט |
| פ | ב | ע | צ | ה | א | מ | ל | ה | פ | י | ד | א | י | א | ז | ט | כ | א | ח | ג | ה | ש | ע | י | ק | ר | ש | ס | ס |
| פ | ע | ר | ל | ג | פ | ב | ג | י | ס | ת | ז | ק | צ | ה | ט | א | מ | ח | י | ה | פ | ס | ח | ה | ש | ד | פ | ח | ח |
| ד | ט | א | נ | ג | ב | ס | ב | ג | א | ב | ל | ל | ח | י | פ | י | ג | ק | א | מ | ח | י | ה | פ | ס | ח | ש | ר | א |
| ס | כ | ח | ח | מ | ש | ז | ח | נ | צ | ש | ב | פ | ג | נ | ד | ס | ד | י | ת | א | נ | ר | א | ס | ת | כ | ל | ע | ע |
| ג | א | ר | ז | ר | ת | נ | א | מ | ח | י | ה | פ | ס | ח | ז | ד | ח | ה | א | ת | ב | ת | ט | ח | ת | ל | א | כ | ר |

# פול אויס דעם קעסטל רעטעניש

(פאר גרעסערע קינדער)



**פון אויבן אראפ:**

1. מ׳זיצט ווי א מלך
3. א גוטע מעדעצין
4. מ׳קען נעמען צוויי מינים
6. פיר מצוות
8. ס׳איז צעטיילט אין צוויי
10. א סגולה פאר פרנסה (ספר המדות אות ממון, סימן לה)

**פון רעכטס צו לינקס:**

1. צום סוף דארף מען עס צוריקגעבן
2. .... של פסח
5. מ׳דארף עס צוגרייטן פאר שבת (שלחן ערוך הרב סימן תע״ג, סעיף יט)
7. שיין און גרויס
9. דארט (עצתו אמונה פאר קינדער, פסח)
11. מ׳גיסט עס אראפ

בעזהשי"ת

**באקומט אויף די פאסט יעדע וואך בעז"ה**
**בית נצחי, גליון היכל הקודש,**
**עצתו אמונה, און קרית ברסלב בלעטל**




רופט 102 / 718-387-2691

אדער

אדער שיקט אן אימעיל צו subscribe@kerenhadfusa.org

בס"ד

# קול ברסלב האטליין אפדעיטס, מאנטאג ויקרא - מאנטאג צו תשפ"א

דרוקט ① פאר אידיש, און דערנאך:

## 0 אפדעיטס און נייעס

## 1 חיזוק יומי • נייע שיעורים

◀ 1 חיזוק יומי פון דער ראש ישיבה שליט"א

- אויב דיין ווייב ניצט דיך אויס! שטרענג דיך נישט איבער פאר איר!
- זיי האבן פיינט די ערליכע אידן. אין תל אביב טאנצן דארט שדים מיט שדות, אבער חדרים מוזן זיין פארמאכט!
- פשוט'ע מענטשן האבן מיט זייער גמילות חסדים אפגעשטעלט גרויסע צרות
- איך האף אז אונזער תלמוד תורה איז נאכאלץ א *ברסלב'ע תלמוד תורה*!
- א גאנץ יאר מיינט מען דער מציון אין ישיבה...! דער הייליגער סאטמארער רבי זי"ע האט פארטריבן אלע בחורים!
- דו האסט גע'הרג'עט א קינד! ווי אזוי מעגסטו זיין א מנהלת אין א סקול?

◀ 2 חיזוק יומי פון מוהרא"ש זי"ע

◀ 3 נייסטע שיעור פאר בחורים

◀ 4 נייסטע שיעור פאר אינגעלייט

◀ 5 נייסטע שיעור אין בבלי

◀ 6 נייעסטע שיעור אין ירושלמי

◄ 7 קאראנע אפטיילונג

◄ 9 ענינא דיומא *** יום טוב פסח אפטיילונג***

◄◄ 1 שיעורים פון דער ראש ישיבה שליט"א אויף פסח

(די שיעורים וואס האבן א * געפונען זיך אויך ביי די שיעורים פון די פריערדיגע יארן)

1 - הכנה לפסח

2 - א' מצורע תשע"ד - הכנה לפסח

3 - ב' מצורע תשע"ד - הכנה לפסח

4 - ב' אחרי א' תשע"ו פאר אינגעלייט - הכנה לפסח

5 - ב' צו תשע"ז פאר אינגעלייט - א פרייליכן פסח

6 - ה' צו תשע"ז - נייע חומרות

7 - ה' צו תשע"ז נאכמיטאג - פסח אינדערהיים

8 - ה' צו תשע"ז ביינאכט - גיי ארויס פון דיין מצרים

9 - ב' ויקרא תשע"ז - פסח אנגעצויגנקייט

10* - חול המועד פסח תשע"ז

11* - ג' ויקרא תשע"ח – ארויס פון מצרים

12* - ד' ויקרא תשע"ח – שוין נענטער צו פסח

13* - ה' ויקרא תשע"ח – חומרות אן נערוועזקייט

14* - ב' צו תשע"ח – די אייגענע מצרים

15* - ג' שמיני-א' תשע"ח – ממצרים גאלתנו

16* - ד' שמיני-א' תשע"ח – בדיקת חמץ

17 - א' דחול המועד פסח תשע"ח - באוויליגט פאר'ן אייבערשטן

18 - ב׳ דחול המועד פסח תשע״ח – זוך א דאקטער

19 - ג׳ דחול המועד פסח תשע״ח – קריעת ים סוף

*20 - ב׳ תזריע תשע״ט – ס׳שמעקט שוין פסח

*21 - ג׳ תזריע תשע״ט – ווילסט בלייבן אין מצרים?

*22 - ג׳ אחרי-א׳ תשע״ט – מאך פסח׳דיג דיין פאון

*23 - ג׳ שמיני-א׳ תשע״ח – ממצרים גאלתנו

*24 - ג׳ אחרי-א׳ תשע״ט – יענעם גייט בעסער

*25 - ד׳ ויקרא תש״פ בקרית ברסלב – עס קומט שוין פסח

*26 - א׳ צו תש״פ – אמונה מיט קאראנע

*27 - ב׳ צו תש״פ – סדר נאכט אין קאראנע צייטן

*28 - א׳ שמיני-א׳ תש״פ – א כשר׳ן פרייליכן פסח

*29 - ב׳ דחול המועד פסח תש״פ – וואס האט פסח מיט מיר?

*30 - ג׳ דחול המועד פסח תש״פ – שפאלטן דעם ים

31 - שיעור פאר אינגעלייט ליל ה׳ ויקהל-פקודי: מ׳גרייט זיך אויף פסח

*32 - שיעור פון מיטוואך ויקרא תשפ״א: בין הזמנים

*33 - שיעור פאר אינגעלייט ליל ה׳ ויקרא תשפ״א: א פרייליכן כשר׳ן פסח

◀◀ 2 שיעורים פון מוהרא״ש זכותו יגן עלינו אויף פסח

◀◀ 3 נוסח ההגדה

◀◀ 4 מגילת שיר השירים הערליך פארגעלערנט

◀◀ 5 סיפורי צדיקים אויף פסח פאר קינדער

5 - געזען אליהו הנביא

◀◀ 6 משניות מסכת פסחים מיט צו זאגן

◀◀ 7 שיעור כללי אין הלכות פסח, דורכ׳ן דיין הרב ר׳ יונה זינגער שליט״א (מאנטאג ויקרא, תשפ״א; מיט א קורצע אריינפיר דורכ׳ן ראש ישיבה שליט״א) *דער שיעור קען מען אויך הערן ביי די נייע אפטיילונג שיעורי הלכה; 4, 3 — פון די מעין מעניו.

## 2 שיעורים פון ראש ישיבה שליט״א (ביים סוף פון די וועכנטליכע מפתח איז דא ליסטע פון שיעורים פון די פארגאנגענע יארן)

◀ 1 טעגליכע דרשות

◀◀ 7

◀◀◀ 1

109 - מאנטאג ויקרא תשפ״א: באזוך אין תלמוד תורה ״היכל הקודש״ ברסלב ליבערטי

110 - שיעור פון מיטוואך ויקרא תשפ״א: בין הזמנים

◀ 2 וועכענטליכע דרשות

◀◀ 6

22 - שיעור פאר אינגעלייט ליל ה׳ ויקרא תשפ״א: א פריילינכן כשר׳ן פסח

◀ 3 מועדים וזמנים

◀ 4 חינוך שיעורים

◀ 5 שו״ת און בריוו

◀ 6 שולחן ערוך

◀ 7 גמרא בבלי

◀◀ 4

115 - פסחים דף קטו, ביים סוף: חיזוק און הדרכה פאר מלמדים

116 - פסחים דף קטז, ביים סוף: ארבעטן מיט קינדער איז די גרעסטע זאך

117 - פסחים דף קיז, ביים סוף: יום טוב פסח

118 - פסחים דף קיח, ביים סוף: סטימיולעס געלטער

119 - פסחים דף קיט

120 - פסחים דף קכ

121 - פסחים דף קכא, הדרן עלך מסכת פסחים

◀◀ 5

2 – שקלים דף ב, התחלת המסכתא דינסטאג פרשת צו

◀ 8 שיעורי נ״ך

◀◀ 7

מיטצוהאלטן די שיעור אין נ״ך, לויט די סדר פון צוויי פרקים ליום, וואו מען האלט יעצט אין ספר ישעיה, קען מען דרוקן נומער 7 און אויסוועלן די קאפיטל וואס מען וויל הערן.

צו הערן מגילת שיר השירים הערליך פארגעלערנט דורכ׳ן ראש ישיבה שליט״א, דרוקט 1, 9, 4 פון די מעין מעניו.

◀ 9 גמרא ירושלמי

◀◀ 25

- התחלת מסכת כתובות, דאנערשטאג ויקרא תשפ"א
- (ביים סוף פון מסכת יבמות: 24, 85 - קען מען הערן א שיינעם שמועס צום סיום)

◀ 10 חיזוק קאלס

◀ 11 משנה תורה להרמב"ם
- פרישע שיעורים צוגעלייגט

## 3 שיעורים פון מוהרא"ש זי"ע

◀ 1 בראשית

◀ 2 שמות

◀ 3 ויקרא

◀ 4 במדבר

◀ 5 דברים

◀ 6 מועדים וזמנים

◀ 7 פארשידענע דרשות

◀ 8 ליקוטי מוהר"ן

◀ 9 שמועסן פון פריערדיגע יארן

## 4 מלמדים שטיבל • אנדערע שיעורים

◀ 1 שיעורים פון הרב יצחק לעזער שליט"א

◀ 2 מלמדים שטיבל • שיעורי חינוך • אינטערוויוס

◀◀ 1 מלמדים שטיבל

- פרישע שמועסן

◀◀ 2 חינוך שמועסן פון די גמרא שיעורים פון ר״י

◀◀ 3 חינוך שיעורים פון ראש ישיבה שליט״א

75 - א שיעור אין חינוך פון מאנטאג ויקרא תשפ״א

76 - א שיעור פאר מחנכות פון מאנטאג צו תשפ״א

◀◀ 4 חינוך שיעורים אין ת״ת היכל הקודש וומ״ס

◀◀ 5 אינטערוויוס מיט מלמדים און מחנכים

◀ 3 נייע אפטיילונג ***שיעורי הלכה***

1 - שיעור כללי אין הלכות פסח, דורכ׳ן דיין הרב ר׳ יונה זינגער שליט״א (מאנטאג ויקרא, תשפ״א; מיט א קורצע אריינפיר דורכ׳ן ראש ישיבה שליט״א)

## 5 היכל נגינה

◀ 0 אלע ניגונים שאפל רענדאם

◀ 1 ווארימע ניגונים

◀ 2 גראמען

◀ 3 לעבעדיגע ניגונים

◀ 4 נוסח

◀ 5 סינגלס

◀ 6 ניגונים אן מוזיק לימי הספירה

## 6 שיעורים מיט צו זאגן

◀ 1 משניות

◀ 2 תהילים • תיקון הכללי • תפילת הדרך • פרשת המן

◀ 3 חומש

◀ 4 **ב**בלי, **י**רושלמי, **ת**וספתא **נצחי**

◀ 5 ליקוטי מוהר"ן

## 7 פאמיליע ווינקל

◀ 1 מעשיות פון תפלה

- פרישע שמועסן

◀ 2 סיפורי מעשיות

◀ 3 סיפורי צדיקים

◀◀ 1

16 - ביים ציון פונעם הייליגן בעל שם טוב

17 - די פישעלעך טאנצן אריין אין די שיף

◀ 4 הפצה בליצן

- פרישע שמועסן

◀ 5 אינטערוויוס

◀ 6 15 מינוטיגע לאנטש ברעיק שמועסן

◀ 7 שיחות חברים

- פרישע שמועסן

## 8 זיך אויפצוסיינען צו באקומען עצתו אמונה אויף פאסט

- דרוקט נומער 1

## 9 נדבות • אנווייזונגען • הוקאפ • מערכת

◀ 1 נדבות

◀ 2 אנווייזונגען וויאזוי צו נוצן דעם האטליין

◀ 3 וויאזוי צו באקומען די חיזוק יומי און די שיעורים

◀ 4 די טעלעפאן נומערן פון קול ברסלב אין אנדערע לענדער

◀ 5 לייוו הוקאפ

◀ 9 צו לאזן א מעסעדזש פאר'ן מערכת

שיעורים און דרשות פון דער ראש ישיבה שליט״א פון די פארגאנגענע יארן

~דרוקט 1 פאר אידיש, 2 פאר שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א און דערנאך 1 פאר טעגליכע דרשות~

2, 45: ב' צו תשע"ו – גיין צו א צדיק
2, 46: ג' צו תשע"ו – די שיינקייט פון א איד

3, 80: א' ויקרא תשע"ז – הונגעריג ווי א בער

*4, 86: ג' ויקרא תשע"ח – ארויס פון מצרים
*4, 87: ד' ויקרא תשע"ח – שוין נענטער צו פסח
*4, 88: ה' ויקרא תשע"ח – חומרות אן נערוועזקייט
***4, 89: ב' צו תשע"ח – די אייגענע מצרים**
***4, 90: ג' שמיני-א' תשע"ח – ממצרים גאלתנו**
***4, 91: ד' שמיני-א' תשע"ח – בדיקת חמץ**

5, 97: ב' ויקרא תשע"ט – קיינער דארף מיר נישט
5, 98: ג' ויקרא תשע"ט – שמייכלען ווען עס איז שווער
***5, 108: ב' תזריע תשע"ט – ס'שמעקט שוין פסח**
***5, 109: ג' תזריע תשע"ט – ווילסט בלייבן אין מצרים?**
***5, 115: ג' אחרי-א' תשע"ט – מאך פסח'דיג דיין פאון**
***5, 117: א' דחול המועד פסח תשע"ט – ממצרים גאלתנו**
***5, 118: ג' אחרי-א' תשע"ט – יענעם גייט בעסער**

6, 98: ב' ויקרא תש"פ – ווער האט אריינגעברענגט קאראנע?
6, 99: ב' ויקרא תש"פ – שבע ברכות להחתנים ר' יחזקאל שארף ור' שרגא שטראססער הי"ו
6, 100: ד' ויקרא תש"פ – וואו כאפט מען קאראנע?
*6, 101: ד' ויקרא תש"פ בקרית ברסלב – עס קומט שוין פסח
6, 102: א' צו תש"פ – אמונה מיט קאראנע
***6, 103: ב' צו תש"פ – סדר נאכט אין קאראנע צייטן**
***6, 104: ג' צו תש"פ – נישט זיך מישן מיט קאראנע**
6, 105: ד' צו תש"פ – אויסגעלייזט פון קאראנע
***6, 106: א' שמיני-א' תש"פ – א כשר'ן פרייליכן פסח**
***6, 107: ב' דחול המועד פסח תש"פ – וואס האט פסח מיט מיר?**
***6, 108: ג' דחול המועד פסח תש"פ – שפאלטן דעם ים**

**שיעורים פאר אינגעלייט:**

~דרוקט 1 פאר אידיש, 2 פאר שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א און דערנאך 2 פאר וועכנטליכע דרשות~

3, 20: ב' ויקרא תשע"ח – פארשטיין די ווייב
***3, 21: ב' צו תשע"ח – א פרייליכן ערב פסח**
***3, 22: ב' שמיני-א' תשע"ח - עס איז צייט ארויסצוגיין פון מצרים**

4, 20: ה' שמיני תשע"ט – מאך פרייליך דיין ווייב
***4, 23: ה' מצורע תשע"ט – סדר נאכט**
***4, 24: ד' אחרי-א' תשע"ט – א פרייליכן פסח**

5, 21: ה' ויקרא תש"פ – וואס לערנט אונז קאראנע?

# ברסלב סענטער גרייכט איבער 100,000 קליקס א חודש

מיט יעדן טאג וואס גייט אריבער ווערן מער און מער מענטשן געוואר פון די לימודים און עצות פון הייליגן רבין. די מפיצים גייען ארום צו אידישע קינדער, און פארשפרייטן די הייליגע ספרים און סידים, וואס טוישן הונדערטער אידן דאס לעבן. זיי ווערן געוואר אז אויך זיי קענען האבן א עכטע קשר מיטן אייבערשטן. זיי הייבן אן צו שפירן א טעם אין זייער לעבן. וואס געשעט דערנאך? זיי הייבן אן צו זוכן, וואו קען מען באקומען נאך פון די ספרים? זיי ווילן באקומען נאך דרשות און נאך גליונות .פילע קומען אן צום ברסלב סענטער וועבסייט, ווי זיי דערקוויקן זיך מיט די בריוון ,מען שיקט אריין שאלות און זיי באקומען וואונדערליכע ענטפערס .זיי דאונלאדן פון דארט אלע גליונות און ספרים ,זיי הערן אויס די הונדערטער שיעורים וואס דער ראש ישיבה געבט כסדר ,טעגליך פאר די בחורים ,דער טעגליכער שיעור גמרא .

אויך באקומט מען טעגליך אפדעיטס און קראנטע נייעס וואס טוט זיך אין ישיבה ,אין חדר ,אין קעמפ ,אין שטעטל ,אין אומאן ,אין בית הדפוס ,שמחות צווישן אנשי שלומינו, און אזוי ווייטער. דאס אלעס ווערט אפדעיטעד יעדן טאג. יעדן טאג ווערן ארויפגעלייגט פרישע בריוו פון ראש ישיבה, עס ווערט ארויפגעלייגט די נייע שיעורים אויף ווידיא און אודיא ,יעדע וואך קומט ארויף אלע נייע גליונות און קונטרסים וואס ווערט דאונלאדעט אין די טויזנטער, יעדן טאג ווערט ארויפגעלייגט די פרישע נייעס וואס עס טוט זיך. עס קומט ארויף טעגליך פילע נייע בילדער אלבומס ,פרישע אינטערעסאנטע קליפס וואס טוט זיך ביים ראש ישיבה. יעדן טאג איז דא די נייעסטע "חיזוק יומי "קליפס, וואס פילע באקומען פון דא.

עס ווערט אריינגעלייגט גאר אסאך געלט און כח אויפצוהאלטן דאס אלעס און עס כסדר פארבעסערן .און ברוך השם אז דער וועבסייט איז עושה פירות, מען קען ממש זען ווי די טרעפיק צום וועבסייט פארמערט

זיך ממש טאג טעגליך מיט גאר שטארק ציפערן. עס פארמערן זיך די אקטיווע באנוצער מיט עטליכע הונדערט א וואך. אזוי ווייט אז די פארגאנגענעם חודש למספרם איז די צאל קליקס צום וועבסייט אריבערגעגאנגען דעם 100,000 ציפער.

עס אונז א געוואלדיגע זכיה אז מיר האבן א חלק אין די געוואלדיגע זיכוי הרבים פון טויזנטער אידן וואס באקומען פון דא זייער לעבן. עס איז אוממעגליך צו שילדערן דעם קורת רוח וואס מען שפירט ווען מען הערט צוריק פון אידן פידבעק, און געבט אונז א געוואלדיגע חיזוק אנצוגיין ווייטער מיט די עבודת הקודש, "זייט איך הער די שיעורים, דאוון איך מיט מנין" זאגט אונז איינער. "איך האב מיך אויסגעלערענט וויאזוי זיך אפצוגעבן מיט מיינע קינדער, און איך ברענג מער נישט אהיים מיין סעלפאן, א גרויסע ישר כח פאר אייער וועבסייט". שרייבט אונז א צווייטער. "איר האט געטוישט מיין לעבן. איך האב אנגעהויבן צו לערנען, איך האב באקומען א נייע האפענונג אז מיין מצב וועט זיך נאך איין טאג טוישן צום גוטן. איך האב אסאך מיטגעמאכט אין מיין לעבן, איך האב אנגעהויבן מאכן התבודדות יעדן טאג, און איך פיל מיך אסאך בעסער", שרייבט אן אנדערער צו אונז.

אויסער די פרישע אפטיילונגען אויף וואס מען ארבעט יעצט, ווי דער "געשעפט" פעידזש וואס וועט ממש בקרוב געעפענט ווערן בעז"ה, ארבעט מען אויף נאך אסאך פראיעקטן אינערהאלב די וועבסייט. צום ביישפיל, מען לייגט יעצט אריין גאר אסאך ארבעט צו דעוועלאפן א פראקטישע טעלעפאן "עפּפּ", וואס אנטשפרעכט צו זיין א גאר א ערליכע און נוצבארע עפּפּ, וואס וועט באנוצט ווערן דורך טויזנטער בעז"ה. און אויך האט מען לעצטענס אנגעהויבן צו ארבעט גענצליך איבערצומאכן די גאנצע סטרוקטור פונעם וועבסייט. צוליב וואס ווען מען האט געעפענט דעם וועבסייט מיט עטליכע יאר צוריק האט מען נישט גע'חלומ'ט ווי ווייט און ווי ברייט עס וועט זיך צוואוואקסן קע"ה און דער יעצטיגער דעזיין איז שוין נישט צוגעפאסט פארן וועבסייט מיט

אזויפיל אפטיילונגען און אזויפיל אפדעיטס, און אזויפיל באנוצער. אזוי אויך ביי די בילדער און ווידיאס אפטיילונג איז זייער נויטיג שטארקע רענאוואציעס, ווי איר קענט אליינס זען, דאס דארף אינגאנצן איבערגעפרישט ווערן. דאס זעלבע מיט די נייעס אפטיילונג; דער יעצטיגער אויסשטעל איז שוין לאנג ״אַוטדעיטעט. "דאס אלעס ציעט אריין אין גאר גרויסע הוצאות פון צענדליגע טויזנטער דאלער א חודש.

ווי באקאנט קאסט יעדע ריר צו דעוועלאפן א וועבסייט טויזנטער דאלערס. און ווערט אויסגעהאלטן דורך נדבות וואס אידןווארפן אריין ביי אונזער נדבות אפטיילונג און צוליב וואס די הוצאות האבן זיך שטארק פארמערט, גייט בעז״ה קומען גרויסע שינוים אין די נדבות אפטיילונג אויך, ווי מען וועט בעז״ה קענען אפקויפן דער זכות פון א טאג, א וואך, אדער חודש פונעם וועבסייט. נעמט אנטייל אין די הייליגע ארבעט פון פארשפרייטן דעם הייליגן רבינ׳ס אור, און דערנענטערן אידישע קינדער צום אייבערשטן דורך מנדב זיין צום וועבסייט. אין דעם זכות וועט דער באשעפער זיכער אויסהערן אייער תפילות און איר וועט געהאלפן מיט ישועות און רפואות געזונט פרנסה נחת, און וואס איר דארפט .

מען קען זיך משתתף זיין דורך:

∞רופן 718-387-2691 עקסט. 3,

∞אימעיל: donate@kerenhadfusa.org.

∞אויפן וועבסייט: www.breslevcenter.com/donations